# PEDAGOGY AMONG THE JEWS

## A HISTORICAL ENQUIRY

BY

Rev. M. A. LEVIN,

*Principal of the Montreal Hebrew Free School.*

COPYRIGHT 1910

PRINTED BY
The Eagle Publishing Company, Ltd.,
Montreal.

LA 47
L7
1910

## פראָפעסאָר אייזיקס אין תלמוד תורה

דר. אייזיקס איז פראָפעסאָר פון סעמיטישע שפראכען אין נויארק יוני־ווערסיטי דר. אבראמאָויטש האָט איהם געבראכט פון נויארק ער זאָל לעקטשו־רען פאר דיא „יאנג פיפעל" סאסייטי פון זיין שוהל ביי דיעזע געלע־גענהייט האָט ער בעזוכט דיא תלמוד תורה, עקזאמינירט דיא קלאסען סיסטע־מאטייש און האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג אין דיא פאָלגענדע צייל‎ען

---

עס איז געווען א גייסטיגעס פערגעניגענד, צו פערברייגגען א האלבען טאָג אין באראן דע הירש אינסטיטוט בייצואוואהנען דיא אויסגעצייכענטע פעהיגקיי־טען וועלכע דיא שיללער פון דיא פערשיעדענע קלאסען אונטער דיא אויפזיכט פון רעוו. משה אלימלך לעווין, האָבען געצייגט אין ערלערנען דיא העברעאישע שפראך. עס איז ווירקליך אויסער ארדענטליך גוט. עס איז שווער צו געפינען אזא גלייכען, ווייניגסטענס צווישען דיא קינדער שוהלען וואס איך האָב ביז יעצט געזעהן, עס איז צו בעוואונדערען דיא קינדער'ס פאמיליאריטעט אין העב־רעאיש אלס שפראך, אין אלטעגליכען געברויך, אזוי גוט וויא אין דאווענן. בע־טראכטענדיג דיעזע זאכען און בעמערקענדיג דיא ליעבע און אכטונג וואס די קינדער צייגען צו אונזערע אידישע למודים האָבען געמאַכט מיין בעזוך אויסער ארדענטליך אינטערעסאנט

אברהם ש. אייזיקס
נויארק יוניווערזיטי

מאָנטרעאל דזשון דעם 20־טען.

נ.ב. דער אריגינאל פון דיעזען בריעף איז געשריבען אין ענגליש, דאס איז בלויז דיא איבערזעצונג

עס געפונען זיך ביי אננז נאך פיעלע בריעף. פון פראמינענטע מענער, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט און בעוואונדערונג אין שריפט. נור צוליעב די הוצאות הדפוס קאָנען מיר זיי ניט געבען צום דרוק.

מנהלי התלמוד תורה, וביחוד להיושב ראש הה' הרב הגאון וכו' ר' צבי הירש הכהן, כי ישגשגו ויגדילו את מעשיהם בקדש ע"י המורים ומלמדים להועיל ובראשם המשכיל המפואר ר' משה אלימלך לעווין המצטיין בעבודתו. כברכת ההותמים באמת יום ד' לסדר — וישמר משמרתי — שנת עתר פה מאנטריאל.

משה שמעון זיוויטץ

רב בפיטסבורג פ"א, משנה ליושב ראש לאגודת הרבנים בארצות הברית וקענעדע.

ישראל ראזענבערג

רב בבירלינגטאן ווט' משנה ליושב ראש לאגודת הרבנים בארצות הברית וקענעדע.

---

בעברי דרך מאנטריאל, לרגלי שליחותי העמוס עלי כעת מישיבת ריא' בקרתי את בית הספר — ה"ה בית הת"ת דמאנטריאל — וראיתי אשר הרב המשכיל הנואם מו"ה משה אלימלך לעווין, עושה מלאכתו באמונה. כאמן פדגוג היותר טוב ומועיל. כי בחנתי את התלמידים וראיתי כי מעתיקים המה כמעט כל דבר אשר ידבר לשפת קדשנו. בלשון צח ומדוקדק, לא האמנתי למשמע אזני, אשר תלמידים כבני עשר שנה, נתעלו ע"י רבם למדרגה גבוה כזאת. אי לזאת מעומקי לבבי הנני נותן תשואות חן למחזיקי הת"ת, ולרבם הה' הפרינציפאל הזה ואברך אותו ואת המנהלים ללכת בכחם זה ולעשות חיל, ותקותי תאמצני כעת. כי גם בארץ אמריקא תפרח התורה ותעשה שריגים, וכאשר המנהלים דפה, המה גדולי תורה ואדיריה, והם יתנו את מבחר עתותיהם להמפעל הגדול הזה. על כן אברכם בהון ועשר, וצדקתם תעמוד לעד, לפי ברכת העמוס בעבודה ושלוח מצוה.

יוסף דוב לעווין

רב דנוארק ובמקומות אחרים: בעהמ"ח ספר יד הלוי

---

הנני מביע תודתי הנאמנה להמורים של התלמוד תורה במאנטריאל ובראשם להמנהל מר' משה אלימלך לעווין על עמלם הרב לחנך דור עברי. בקרתי שתי מהלקות ובחנתי ונסיתי ידיעת התלמידים בתנ"ך ובדעת השפה העברית, ומצאתי ביניהם כי עשו חיל בלמודיהם וראו בהם ברכה. נוכחתי כי התלמידים אמונים ברוח היהדות ברוח לאומי וציוני.

ראובן בריינין

מאנטריאל ו' שבט עתר.

---

בהיותי פה מאנטריאל, נתכבדתי לבקר את בית אלפנא „הת״ת״ ומצאתי הכל בסדר נכון על צד היותר טוב. הן בדקדוק שפ״ע הן בלמוד התנ״ך ובדברי הימים לישראל. המורים הם היותר מומחים לאותו דבר. והפרינציפאל, הרב החכם ר׳ משה אלימלך לעווין, ידידי מכבר, הוא מנהל את הסדר והמשטר באופן היותר מאד נעלה, ולא אשקר אם אומר אשר לא ראיתי עוד כמוהו בערי אמעריקא היודע אומנתו באופן מאד נעלה, ולבד מזה בחנתי את התלמידים אשר הוא בעצמו לומד אותם ושבעתי רב ענג מרב ידיעתם בלמודם

פה דברי הכותב באמת וצדק עבד לעבדי ה׳

צבי הירש ארליאנסקי

רב ודרשן בביהכנ״ס דת״ת, במעלת העיר בנויארק.

יום א׳ י״ב מנחם אב התרס״ח פה מאנטרעאל.

---

לענג היה לי בבקרי את הת״ת היום ולא האמנתי למשמע אזני כי ילדים בני שנים עשר יודעים את השפה העבריה בכל דקדוקיה. בלתי ספק כי הפרינ־ציפאל הרב החכם ר׳ משה אלימלך לעווין יגע הרבה להעלות לנו מטעמים כאלה ולו ראוי בזבה

**ידידו** ומוקירו

מהרי״ל הערריסאן.

---

הביאני המלך מאן מלכי רבנן, הצבי ישראל הכהן הגדול מאחיו הרב הגאון המצוין בכל מעלה מוה״ר צבי הירש כהן שי׳ בחדרי הת״ת דפה עיר המעטירה מאנטרעאל, ומה מאד שמח ורחב לבבי בראותי גדל כבוד הבית הזה שמגדלין בו תורה לנערי בני ישראל עי׳ מורים ומלמדים להועיל, ועל צבאם מעב׳, החכם המשכיל מורם מעם דגול מרבבה מו״ה משה **אלימלך** לעווין שי׳ הראוי להצטין בעבודתו עבודת הקדש באמונה רבה, — כענבים במדבר, המה חניכי הבית הזה בארץ אמעריקא, בני ציון יקרים מסולאים בפז.

אשרי למי שיש לו חלק בתמיכת הבית הזה אשר הוא לכבוד ישראל ולתפ־ארת עמנו. ככתוב ותומכיה מאשר. הכ״ב השמח בשמחת התורה

יוסף קאנוויץ

רב ור״ם בער״ק צפת״ו.

---

לאות כי היינו בבית האולפנא המפואר. במאנטריאל חותמים אנחנו את חתימת ידינו על הספר הזה לזכרון עולם כי הפקנו רצון בכל הפרטים עד מאד, אשר כמעט לא ראינו בית ת״ת כזה ביתר ערי אמעריקא, והננו מברכים את

## איין אויסצוג פון פערשיעדענע מיינונגען פון בעוואוסטע פראמינענטע לייטע, וועלכע האבען בעזוכט דיא תלמוד תורה. עקזאמינירט דיא שיללער און אויסגעדריקט זייערע מיינונגען אין שריפט.

---

בה׳ אור יום ד׳ בדר״ח אדר שני תרס״ח פה מאנטרעאל.

בעברי דרך מאנטריאל, נכנסתי לבקר את הת״ת דפה, ובחנתי את צעירי בנ״י השומעים לקח בבית הת״ת, הנ״ל ומצאתי אותה מתוקנת ומסדרת כראוי והגון עפי׳ סדר הלמוד המסורה לנו מאבותינו ז״ל, ללמד את הנערים עברית ע״פ כללי הדקדוק וגם בינה במקרא בחמשה ח״ת, בביאור והספר בכל פרטיו ליתע איך להשיב לשואלם דבר בהשכל ודעת, עי׳ מורים מומחים ופדגוגים טובים היודעים לחנך את תלמידיהם בדרך הישרה ולזרוע על תלמי לבביהם אהבת התורה, ועב׳ מחזיקנא טיבותא להגבאים המפקחים על בית אולפנא הנ״ל והנני לברכם אשר יזכו לראות פרי ברכה מהמפעל הזה, וישיליחו בכל מעשי ידיהם בזכות עשית החסד עם תשב״ר, והנני מעתיר מאת נדיבי עמנו החרדים ע״ד ד׳ לתת ידם בתמיכה הגונה למען הגדיל את בית ד׳ ולחזקו שיהי׳ לתהלה ולתפארת בקרב ישראל, ועיז׳ יזכו לאריך ימים ועשר וכבוד כה דברי המעתיר והכותב והותם למען כבוד התורה ולומדיה.

גבריאל זאב מרגליות

רב הכולל בבאסטאן מאסס.

---

מעברי דרך מאנטריאל נתכבדתי מטעם מנהלי הת״ת, לראות את הת״ת, וכאשר בחנתי את התלמידים, השבלים הבודדות בין הבנים, ברכתי ברכת שהחינו. כי גדול כבוד הבית הזה, הן בסדריו והן בהמשמעת, וראשון לכלם הידיעות הנחוצות במקרא ובדקדוק שפת עבר, ומקרב ולב עמוק הנני נותן תודה וברכה להמנהלים בכלל וביחוד להמורה הראשי רעוו. משה אלימלך לעווין. שלמה זלמן קאראטקין.

יום ה׳ פקודי תרס״ח

---

ידידי החכם מר׳ משה אלימלך לעווין נ״י!

בבקרי היום את בית הת״ת שאתה עומד בראשו, ובבחני את תלמידיך, מצאתי בם דעת שפת עבר על פי דקדוקה, רב יתר מאשר קויתי לראות בבית ספר עברי. ובכן קבל תודתי מקרב לבי על עמלך ועבודתך הרצויה, כי אמנם זה הוא בית אשר ממנו יבנה ישראל ובנים כתלמידיך יקראו בונים.

ידידך ומוקיר פעלך

מ. מ. דאליצקי.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה | VIII. | מאָנטרעאָל קנדה

## שנה שמינית

שנה שמינית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | חומש | סדר השבוע בשעי א. ב. | 60 |
| ב | רש״י | פרשת השבוע בשעי א. ב. | 30 |
| ג | נ״ך | ספר ישעיה וירמיה בשעי ב. ה. | 60 |
| ד | דבור | דקדוק והקראה<br>עברית בעברית בשעי ב. ה. | 20 |
| ה | גמרא | גמרא למתחילים ה. | 120 |
| ו | אמונה | פרקי אבות ה. ה. ו.<br>דיני שלחן ערוך<br>מעל הספר בשעי א. ב. | 30 |
| ז | דברי הימים | מהרמב״ם עד ימינו אלה, מספר<br>תולדות עם ישראל בשעי ב.ה<br>פסקי טעמים ו. | 30 |

שעות הלמוד מן שעה 6 עד שעה 8 בערב. ביום א׳ בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שבתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 11 בבקר עד שעה 1 אחר הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה | VII. | מאָנטרעאָל קנדה

## שנה שביעית | שנה שביעית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | חימש | חזרה על שלשת ספרי החומש | 45 |
| ב | נ"ך | מלכים א' וב' בימי ב. ד. | 30 |
| ג | רש"י | פסוקים מפרשת השבוע | 30 |
| ד | דבור | הדבור העברי המשך מהלק השלישי כל הספר, עברית בעברית, בימי א. ג. ה. | 30 |
| ה | אמונה | פרקי אבות, א. ב. ג, דיני שלהן ערוך חזרה על כל הספר, בימ. א. ג. ה. | 30 |
| ו | דברי הימים | מחתימת התלמוד עד הרמב"ם, בימי ב. ד. ז. פסקי טעמים ז. | 30 |

שעות הלמוד מן שעה 4 אח'הצ' עד שעה 6 בערב. פיום א בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 9 בבקר עד שעה 11 לפני הצהרים.

# תכן הלמודים

| תלמוד<br>תורה | **VI.** | מאנטריאל<br>קנדה |
|---|---|---|

## שנה ששית

## שנה ששית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | חימש | חזרה על ספר בראשית ושמות | 45 |
| ב | נ״ך | שמואל א׳ וב׳ בימי ב. ד. | 30 |
| ג | רש״י | לסדר דברים ואתחנן בימי ב. ד. | 30 |
| ד | דבור | הדבור העברי חלק שלישי,<br>כל הפעלים, כתיבה והקריאה.<br>עברית בעברית<br>בימי א. ג. ה. | 30 |
| ה | אמונה | תפלת מוסף מנחה לשבת.<br>וערבית למוצ״שק׳ בהעתקה<br>אנגלית, דיני שלחן ערוך,<br>מסימן נ׳, עד הסוף מלבד<br>חזרה אל הקדם בימי א. ג. ה. | 45 |
| ו | דברי<br>הימים | מחרבן בית שני עד התימת<br>התלמוד בימי ב. ד. ז.<br>פסקי טעמים ז. | 30 |

שעות הלמוד:--מן שעה 4 אח׳הצ׳ עד שעה 6 בערב. ביום א׳ בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 9 בבקר עד שעה 11 לפני הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה

V.

מאנטרעאָל קנדה

## שנה חמשית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | חומש | במדבר ודברים | 45 |
| ב | נ״ך | ספר שופטים בימי ב. ד. | 30 |
| ג | רש״י | מסדר במדבר בימי ב. ד. | 30 |
| ד | דבור | החצי השני של הדבור העברי, פעלים קל, נפעל פעל ופעול, כתיבה והקראה, עברית בעברית בימי א. ג. ה. | 30 |
| ה | אמונה | תפלה, קבלת שבת, ערבית ותפלת שחרית לשבת בהעתקה אנגלית, דיני שלחן ערוך מסימן ל׳ עד נ׳. בימי א. ג. ה. | 45 |
| ו | דברי הימים | מחשמונאים עד חרבן בית שני בימי ב. ד. ז. פסקי טעמים ז. | 30 |

שעות הלמוד: – מן שעה 4 אח׳הצ׳ עד שעה 6 בערב. ביום א׳ בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 9 בבקר עד 11 לפני הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה | IV. | מאָנטרעאָל קנדה

## שנה רביעית

שנה רבעית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | חומש | ספר שמות מלבד תרומה תצוה ויקו״פ ומספר ויקרא אח״ק, אמור בה״ ובח | 45 |
| ב | דקדוק | הדבור העברי חצי הספר, פעלים קל, נפעל, כתיבה והקראה בימי א. ג. ה. עברית בעברית. | 30 |
| ג | נ״ך | כל ספר יהושע בימי ב. ה. | 30 |
| ד | רש״י | התחלא בימי ב. ה. | 30 |
| ה | אמונה | תפלה לחול, שחרית מנחה ועברית, בהעתקה אנגלית דיני שלחן ערוך מסימן י״ד עד סימן ל׳. בימי א. ג. ה. | 45 |
| ו | דברי הימים | מחרבן בית ראשון עד השמונאים בימי ב. ד׳ ו. פסקי טעמים ו. | 30 |

שעות הלמוד:-- מןשעה 4 אח׳הצ׳ עד שעה 6 בערב. ביום א. בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 9 בבקר עד שעה 11 לפני הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה — **III.** — מאָנטריאָל קנדה

## שנה שלישית — שנה שלישית

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | קריאה נכונה בסדור ובתהלים תרגום, ויתר דיני הנקוד. | 60 |
| ב | חומש | שמונה סדרות מן חיי שרה עד סוף ספר בראשית. | 45 |
| ג | דבור | למוד השפה ודקדוקה, שפת ילדים חלק שני, כל הספר פעלים, קל,כתיבה והכתבה עברית בעברית. בימי א. ג. ה. | 30 |
| ד | אמונה | תפלה מישתבח עד סוף שמונה עשרה, מלבד חזרה אל הקדם, בהעתקה אנגלית. סדר התפלות לימים הנוראים, חגים וצומות במדה יותר מפרטת, דיני תפלין הלכות מזוזה, ברכות השחר בכלל, קריאת שמע ותפילת שמונה עשרה. תחנון ויתר דיני תפלת שחרית. | 45 |
| ה | דברי הימים | ספורי שמואל א.ב. מלכים א.ב. בימי ב.ד.ז. פסקי טעמים ביום ז | 30 |

שעות הלמוד:--מן שעה אח׳הצ׳ עד שעה 6 בערב. ביום א׳ בשבוע.
בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות
הלמוד הן מן שעה 9 בבקר עד הצהרים.

# תכן הלמודים

| תלמוד<br>תורה | II. | מאָנטרעאָל<br>קנדה |
|---|---|---|

## שנה שניה  מדרגה ב

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | קריאה נכונה בסדור ובתהלים<br>תרגום. | 60 |
| ב | חימש | ארבע סדרות מן בראשית<br>עד חיי שרה. | 45 |
| ג | דביר | שפת ילדים חלק ראשון כל הספר<br>עברית בעברית. דקדוק, איתיות<br>„במלוכה", מלות הגוף<br>ונטית השמות, כתיבה והקראה,<br>בימי א. ג. ה. | 30 |
| ד | אמונה | ברכות השחר, ברוך שאמר<br>עד ישתבח בהעתקה אנגלית.<br>סדר התפלות לשבת ושלש<br>רגלים, זמני החגים והצומות,<br>דיני ברכות השחר, הלכות<br>ציצית ודברים האסורים קודם<br>תפלת שחרית. | 45 |
| ה | דברי<br>הימים | ספורי יהושע ושופטים מלבד<br>חוזה אל הקדם בימי ב. ד. ז.<br>פסקי טעמים ביום ז. | 30 |

שעות הלמוד: — מן שעה 4 אח'הצ' עד שעה 7 בערב. ביום א' בשבוע.
בימי חגי המדינה ובמשך ימי. שביתת הקיץ שעות
הלמ. ר הן מן שעה 9 בבקר עד הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה | I. | מאָנטרעאָל קנדה

## שנה ראשונה — מדרגה ב

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | קריאה נכונה בסדור ובתהלים עם תקונים, קצת חקי הנקוד מלעיל ומלרע. | 90 |
| ב | דבור | עשרים שעורים מאוצר הלמוד העברי בעל פה עברית בעברית. | 30 |
| ג | אמונה | כדר התפלות לימי החול, דיני ההשכמה בבקר, ברכות ודיני ברוך הוא וברוך שמו ואמן | |
| ד | אמונה | מודה אני, ברכת ציצית, פרשת שמע, עשרת הדברות וי"ג עקרים בהעתקה אנגלית זמני החגים והצומות בימי א. ג. ה. | 30 |
| ה | דברי הימים | ספורי חמשה חומשי תורה בקיצור בימי ב. ד ז. פסקי טעמים ביום ז. | 30 |

שעות הלמוד:— מן שעה 4 אח׳הצ׳ עד שעה 7 בערב. ביום א׳ בשבוע.
בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות
הלמ׳ד הן מן שעה 9 בבקר עד הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה

**II.**

מאָנטרעאָל קנדה

## שנה שניה

שנה שניה

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | קריאה נכונה בסדור<br>קצת חקי הנקוד מלעיל ומלרע | 90 |
| ב | דבור | למוד השפה מספר למתחילים<br>כעין שפת ילדים בל הספר<br>כתיבה והקראה<br>עברית בעברית | 45 |
| ג | אמונה | ברכות הנהנין, ברכות התורה<br>פרשת שמע ועשרת הדברות<br>בהעתקה אנגלית, זמני<br>החגים והצומות<br>בימי א. ג. ה. | 30 |
| ד | דברי הימים | ספורי חמשה חומשי תורה<br>בקצרה בימי ב. ד. ו. | 30 |

שעות הלמוד:—מן שעה 9 בבקר עד הצהרים. ביום א׳ בשבוע, בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 1 עד 4 אחר הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד
תירה

**I.B.**

מאָנטרעאָל
קנדה

## שנה ראשונה מחלקה ב

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | מקרא קידש, כל הספר | 90 |
| ב | דבור | עשרים שעורים מאוצר הלמוד העברי בעל פה<br>עברית בעברית | 45 |
| ג | אמונה | מודה אני ברכת ציצית וכל ברכות הנהנין עם העתקה באנגלית, זמני החגים והצומות<br>בימי א. ג. ה. | 30 |
| ד | דברי הימים | ספורי ספר שמות<br>בימי ב. ד. ז. | 30 |

שעות הלמוד:—מן שעה 9 בבקר עד הצהרים. ביום א׳ בשבוע. בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 1 עד 4 אחר הצהרים.

# תכן הלמודים

תלמוד תורה | I.A. | מאָנטרעאָל קנדה

## שנה ראשונה — מחלקה א

| | | | רגעים |
|---|---|---|---|
| א | קריאה | א״ב עד קריאה אטית | 90 |
| ב | דבור | חמישים שמות, בני המשפחה ואברי הארם.<br>עשרה שעורים מאוצר הלמיד העברי (בעל פה)<br>עברית בעברית | 45 |
| ג | אמונה | מודה אני, ברכת ציצית ושש ברכות הנהנין<br>בימי א. ג. ה. | 30 |
| ד | דברי הימים | ספורי ספר בראשית בקצור<br>בימי ב. ד. ז. | 30 |

שעות הלמוד:— מן שעה 9 בבקר עד הצרים. ביום א׳ בשבוע, בימי חגי המדינה ובמשך ימי שביתת הקיץ שעות הלמוד הן מן שעה 1 עד 4 הצהרים.

# יעצטיגע אפיסערס

פון דער

# תלמוד תורה.

---

ר' משה דענענבערג,
פרעזידענט.

ר' נישן שאפירא
ייצעזשורער.

ר' אליעזר הכהן.
פינאנס סעקרעטער

ר' אליעזר ראזענבלום

ר' מרדכי זוססענווייין

רעוו' שמרי' גאלדשטיין
(חזן פון דער דייטשער שוהל)

ר' צבי הירש לאנדא

ר' חיים ליוויי

ר' מ. לאוואוט

ר' אליעזר טעפליצקי

ר' י. אסטראפסקי.

ר' שרגא דאלצבערג

ר' ה. בערלין

ר' ל. גאלדמאן

ר' ז. פ. פערסקי

ר' מ. באוונין

ר' ה. לאנג
רעקארדינג סעקרעטער.

ועד־החנוך

הרב צבי הירש כהן
יושב ראש.

הרב מ. ה. לאטערמאן.

רעוו. דר. ה. אבראמאוויטש

רעוו. שמרי' גאלדשטיין

ר' אליעזר ראזענבלום

האברך דוד ליוויי

רעוו. משה אלימלך לעווין
פרינציפאל.

מאנטרעאלער אידען האבען גוט פערשטאנען אז דיא ת״ת איז נויטהווענדיג, מען האט פערופען א מאסען־פערזאמלונג פון גאנץ שטאדט, און מען האט אויפגענומען הרב צבי הירש כהן אלס ראש ועד־החנוך. פון דער ת״ת, וועלכער זאל אכטונג געבען אויף דיא עניני הלמודים און סדר הלמוד.

הרב כהן האט עס אנגענומען, און ער האט עס גענומען זייער ערנסט. זייט דאן גיט ער זיין צייט און ענערגיע פאר דער ת״ת. ער האט עס בעשטימט אלס זיין הייליגע אויפגאבע אין לעבען.

ער קומט אין ת״ת איינינגע מאל אין וואך. ער זיצט אפ שטונדען לאנג און הערט זיך איין, וויא דיא מלמדים לערנען מיט דיא קינדער. יעדער קינד איז ביי איהם טהייער, פערעכענט פאר זיין אייגענע. ער קען זיי אלעמען און זיי קענען איהם, עס אינטערעסירט איהם דער אינהאלט פון יעדעם קינד בעזונדער. ער לערנט גמרא מיט דיא „תלמוד קלאס„ איין מאל אין וואך שלא עמ״לק״פ. און איז דער טשערמאן פון דיא באארד אף עדיוקיישאן.

ע״ר האט אויך בעאיינפלוסט זיין ברודער ר׳ אליעזר הכהן ער זאל זיך אינטערעסירען מיט דער ת״ת.

מר. ל. כהן איז פון יענע אידען וואס זייער צאהל איז גאנץ קליין צווישען אונז, ער האט אין זיין יוגענד געלערנט און יעצט אלס משכיל, גביר און עוסק בצרכי צבור, האט ער א גרויסען איינפלוס אויפ׳ן יונגען, אזוי גוט וויא אויפ׳ן אלטען דור, ער שטיצט דיא ת״ת מיט געלד, און אמהויב מיט זיינע אונערמיעדליכע ארבייט און גרויסע איינפלוס. ער איז דער יעצטיגער פינאנססעקרעטאר פון דער ת״ת.

דיא אפיסערס האבען איינגעזעהען אז עס איז גאר קיין תכלית ניט, אז מען זאל דארפען ארום מופען מיט דער ת״ת. פון איין ארט צום צווייטען. מען האט געקויפט א הויז אין סט. ארביין סטריט און מען האט בעשלאסען צו נעהמען א פרינציפאל

מיט דיא אויפנאהמע פון פרינציפאל האט זיך אנגעפאנגען א נייע עפאכע אין דער ת״ת, די בעסטע מעטהאדען א ריכטיגער און מאדערנער סיסטעם אין לערנען, איז איינגעפיהרט געווארען, גאר אין א קורצע צייט, האבען דיא קינדער אנגעפאנגען שרייבען און רעדען העברעאיש ס׳האט ניט גענומען לאנג און אלע האבען געוואוסט אז דיא קינדער וועלכע לערנען אין ת״ת פראגרעסירען קינדער האבען זיך געמאלדען אין דיא הונדערטער, דיא הויז איז שוין געווען צו קליין, פאר דעם צאהל קינדער וואס האבען פערלאנגט איינטריט. און מען האט געקויפט אויך דיא צווייטע הויז פון דער ת״ת, מען וועט עס איבערבויען און גאר אין גיכען וועט מאנטרעאל האבען א שעהנע געביירע פאר דער תלמוד תורה.

תורה, ער האט אויך גערופען איינינע פערזאמלונגען און האט ניט גערוהט ביז ער האט אויסגעפיהרט זיין גרויסען פערלאנג ביי א גרויסען פערזאמלונג האט מען בעשלאסען צו גרינדען א תלמוד תורה.

מען האט עלעקטעט גבאים אלס פרעזידענט האט מען אויסגעקליבען מר. מ. קאוועסקי, און ווען מען האט צונויפגעקליבען א געוויסע סומע געלד האט מען אין יאהר תרנ"ו געעפענט דיא ערשטע תלמוד תורה אין שאפירא'ס מנין קעדיו סטריט.

דיא אפיסערס האבען געהאט ניט קיין לייכטע אויפגאבע, עס איז אנגעקומען זעהר שווער ביז זיי פלעגען צונויפקלייבען דיא עטליכע דאלאר פאר שכר למוד און רענט, מען איז ארומגעגאנגען פון הויז צו הויז, אויף שמחות האט מען געשטעלט טעלער, און מען האט געקליבען פאר תלמוד תורה, עס איז דאריבער קיין וואונדער ניט וואס דיא אפיסערס זיינען גיך מיעד געווארען, דיא מעטהאדע וועלכע מען האט נאך דאן אנגענומען אויסצוהאלטען דיא תלמוד תורה איז זייער איין אלט־מאדישע און דער צו א שווערע, גלייך צום ערשטען יאהרליכען מיטונג האבען זיך דיא אפיסערס ענטזאגט און מר. מ. דענענבערג איז געווארען פרעזידענט פאר דיא קומענדע צוויי יאהר.

נאכהער איז מר. ל. האלצשטיין געוועזן פרעזידענט פאר איין יאהר, און ווידער האט עס אנגענומען מר. מ. דענענבערג, דער יעצטיגער פרעזידענט, וועלכער האלט דעם אמט שוין העכער צעהן יאהר

מר. דענענבערג איז איבערגעגעבען פאר דער תלמוד תורה מיט לייב און לעבען, עס טרעפט פיעל מאל אז ער פערנאכלעסיגט זיינע אייגענע אינטרעסען צוליעב דער ת"ת, עס איז ביי איהם פערעכענט אזוי וויא דיא ת"ת וואלט געוועזען איין אבטהיילונג פון זיינע געשעפטען, ער האלט עס טהייער וויא א פאטער זיין איינציג קינד, ער גיט זיינצייט, זיין מיהע, קיין זאך איז פאר איהם צו שווער ווען עס האנדעלט זיך צום גונסטען פון דער תלמוד תורה.

פון שאפירא'ס מנין האט מען דיא ת"ת איבערגעמופט אין דארטשעסטער סטריט פון דארט, איז עס מגולגל געווארען אין 400 לאגאושיטער סטריט, א קליין הייזקעלע פון 4 רומס

מען דערציילט אז אין צייט פון רעגען, פלעגט זיך דארט צונויפקלייבען אין פראנט פון דיא הייזקעלע, א גאנצער טייך רעגען וואסער, און דיא מלמדים מיט דיא תלמידים פלעגען שווימען אויף ברעטער אין חדר אריין

ווען הרב אשינסקי האט אנגענומען דיא איינלאדונג פון פיטסבורגער רבנות און פערלאזען מאנטרעאל, האבען פיעלע אייסגעדריקט זייער מיינונג אז דיא ת"ת וועט זיכער אונטערגעהן. עס האט זיך אבער אויסגעלאזט גאנץ אנדערס.

# מאַנטרעאַלער : : :
# : : : תלמוד תורה

אזוי וויא יעדער אינסטיטוציאָן האט אויך דיא תלמוד תורה איהר היס־טאריע, איהרע גרינדער, ארבייטער און שטיצער. א גאנצע קייט פון שווירינקייטען און זעלבסט אויפאָפּפערונגען פון איינציגע געציילטע פערזאָנען, כמנהג האינסטיטוציאָן באמעריקא.

עס איז געוועזען מיט 14 יאהר צוריק, מאָנטרעאל האט דאן געציילט אן ערך פון פינף־טויזענד אידישע נפשות, דיא מעהרסטע האבען זיך געוואָרפען צום פעדלען און שניידעריי איין אונבעדייטענדער צאהל האבען זיך אויך גענומען צום געשעפט.

קיין פיעלע מלמדים זיינען דאן ניט געווען, און דיא וועלכע האבען זיך דאן בעשעפטיגט מיט לעהרעריי, האבען עס אויך ניט גענומען ערנסט, אלס א פּראָפעסיאָן, ביי טאג פלעגען זיי פּעדלען און אין אבענד לערנען מיט קינדער, אויך זייער צאהל איז געווען אונבעדייטענד קליין.

דיא עלטערען האבען זיך גאנץ ווייניג אינטערעסירט מיט דיא אידישע ערציהונג פון זייערע קינדער, דיא קינדער זיינען ארומגעלאָפען אין דיא גאסען, פריי צו אלע הפקרות, דיא גאס איז געווען די איינציגע ערציהונגס־אנשטאלט פאר מאָנטרעאלער אידישער יוגענד.

מען קען זיך קוים פארשטעלען וואס פאר א בעגריף דיא קינדער האבען דאן געהאט פון אידישקייט און פון דער אידישער היסטאריע.

**דער ערשטער וואס האט דערפיהלט דיא גרויסע נויטהווענדיגקייט פון א תלמוד תורה פאר מאָנטרעאלער אידישע קינדער איז געווען, הרב מ. א. אשינ־סקי. ער האט גענומען מוסר דעם עולם אין זייערע דרשות וועגען חנוך הילדים און ביי יעדע געלעגענהייט, האט ער אויפגעצייגט דיא וויכטיגקייט פון א תלמוד**

# הסכמה.

מאת הרב הגאון ר׳ צבי הירש כהן יושב ראש לועד החנוך מאָנט־רעאל קענעדע.

הנה זה האברך, הרב החכם אמן—פדגוג, סופר מהיר, קנקן חדש מלא ישן מטיף מציין נאה דורש ונאה מקים : כשת׳ ר׳ משה אלימלך, עווין נרו יאיר

ידעתיו זה כבר למורה מומחה ומפליא לעשות במלאכת הפדגוגיה וזה כארבע שנים שבתו פה עירנו בתור ראש המורים בבית ספרנו, מצאתי בו את שאהבה נפשי, איש המסור בכל לבבו ונפשו למלאכתו מלאכת הקדש, להשריש בלבות אלה צעירי הצאן העומדים תחת השגחתו ידיעה ברורה בשפת קדשנו ודברי ימינו ואהבה נאמנה לכל הקדוש לנו. כעתאסף כעמיר גורנה ג. מאמרי רבותינו הקדושים נ״ע משני התלמודים, בבלי וירושלמי מדרשים ודברי הגאונים הבאים אחריהם, המדברים אודות חנוך הבנים ואהבת התורה; ובצירוף נסיונותיו במשך שני עבודתו בשדה החנוך, וגם לרבות דברי המומחים לאותו דבר בהעת החדשה, עשה מטעמים כאשר אהבה נפש כל איש יהודי הנאמן לתורתו ודתו והעתיקם לשפת יהודית המדוברת, בלשון צח וקל אשר ירוץ בו הקורא גם סדרם בסדר ישר ונכון, כל ענין וענין לבדו וכל פרק ופרק בפני עצמו, עד אשר יצא מזה ספר שלם כלול בהדרו ויפיו, אשר פיו יקבנו בשם—״דרכי החנוך בישראל״ או קינדער ערציהונג ביי אידען, כעת גמר בדעתו להדפיסו ולהפיצו בישראל, לתועלת המורים האבות והבנים. והספר הזה הי׳ למראה עיני, שמתי עיוני בו ומצאתי כי נכתב לרוח היהדות הנאמנה, ראוי להיות נדפס ונאסף אל בית כל איש יהודי, כי ברכה בו, להלהיב את לב האבות ללמד את בניהם לחנכם כראוי, ולב הבנים לשמוע ולהטות אזן קשבת בלמודים. אי לזאת ידי תכון עם הרב המחבר להדפיס את ספרו זה ולהפיצו בישראל הן מצד המחבר והן מצד המחברת. אלה דברי המצפה להרמת קרן התורה בקרוב

צבי הכהן החופ״ק הנ״ל

כא׳ אדר הראשון עתר לפ״ק מאָנטרעאָל קענערע.

מקום החותם.

# הסכמה.

מאת הרב הגאון ר' שלום אלחנן יפה. יושב ראש לאגודת הרבנים בארצות הברית וקענעדע

הרב החכם השלם, חריף ובקי בתורה וגדול בחכמה ובמדעים, ובפרט בחכמת הפדגוגיה שבזה הוא מן המצויינים ביותר כשת' מוהר"ר משה אלימלך לעווין המכונה איש נעמי, מנהל בית התלמוד תורה דמאָנטרעאָל קענעדע — התן הרב המאור הגדול המפורסם הרב הג' דפה ק"ק נויארק רבי אליעזר הכהן דרוקער נרו יאיר — נודע לי מכבר בכל מעלות ומדות טובות ותרומיות, ובכשרונו הנעלה להפיץ ידיעת ה' ברבים, מורה מצוין להפליא ומטיף נפלא ונכבד מפורסם לשם ולתהלה, מורה להועיל להאבות והבנים גם יחד: להשריש את למודי תורתנו הקדושה וידיעת דתה בלבות האבות והבנים, דור הנולד בארץ הלזאת — הוא כל מגמתו ומטרתו. בעת נדבה רוחו להוציא לאור מחברת יקרה אשר פיו יקבנה בשם "דרכי החנוך בישראל" או "קינדער ערציהונג ביי אידען" ובמה שעיינתי במחברתו הלזאת ראיתי, כי כל דבריו בנוים על יסודות חזקים מרבותינו בעלי התלמוד הקדושים. ורוח התורה הכתובה והמסורה הודר בכל דבר ודבר אשר נמצא במחברתו לתפארה גם נסדר בלשון צח וקל מתוקן ומקובל עד שדבריו הטהורים הנובעים ממקור נאמן והיוצאים מן הלב יכנסו ללב הקוראים היקרים, בהם ימצאו רב לקח טוב מורי ישראל בחדריהם ותלמידיהם בבתי ספריהם, האבות ובניהם בבתיהם... ועל כן כל מין דין סמיכי לנא שיהי' בין הקהל מחברי ספרים יקרים ומועילים

מצוה רבה לקרבו, לתמכו ולסעדו שיוכל להוציא את מחברתו היקרה הזאת לאור עולם כי בודאי תהי' לתועלת גדולה ולזכות הרבים באתי על החותם יום ג' ו' תשרי עת"ר.

**שלום אלחנן הלוי יפה**

אב"ד ביהמדה"ג דפה ק"ק ניו יארק

מקום החותם.

דויערען ביז פון דעם קערנדעל וואס איך פלאנץ יעצט ווען אויסוואקסען א
בוים און טראגען פריכטע.

יא, ליעבער אלטער! דו האסט רעכט! אט אזוי וויא מיר האבען גע־
פונען דארפען מיר לאזען, אט אזוי וויא אונזער׳ע עלטער׳ן האבען פארזארגט פאר
אונז אזוי מוזען מיר זארגען פאר אונזער׳ע קינדער. אונזער עלטער׳ענס אויפגא־
בע איז אימער געווען צו לערנען זייער׳ע קינדער אום דיא תורה זאל ניט פער־
נאכלעסיגט ווערען, אט אזוי מוזען מיר אויך טהאן, עס מאכט ניט אויס ווען
דיא פריכטע וועלען קומען א ביסעלע שפעטער — וועיל זייען און פלאנצען
מאכען אויך פערגעניגענד.

ע נ ד ע

אלגעמיין, קוקט זיך גוט צו. ווער עס לאכט פון א אידען מיט א באארד, ווער עס קומט אייך ענטקעגען מיט א פערקרימטען געזיכט, שבת, ווען איהר געהט פון שוהל... איהר וואלט פיליכט שוידערען אייער אייגען בלוט און פלייש איז ווייט פון אייך, נאך מעהרער, אייערע אייגענע קינדער האסען אייך, נור דער פאר וואס איהר זיינט א איד! איהר וועט אויסגעפינען דיעזע ביטערע וואהרהייט, אבער צו שפעט — און איהר וועט ק ר ע כ צ ע ן פ ו ן גרויס ש מ ע ר ץ.

עס איז ניט א נאציאנאלע פראגע אליין, עס ווענדעט זיך שוין ניט אויב זייא וועלען זיין אידען אדער ניט עס ווענדעט זיך גאר אויב זיי וועלען זיין אייערע פריינד אדער אייערע שונאים, עס ווענדעט זיך אויב זייא וועלען אייך שעצען און אכטען אלס זייערע עלטערען אדער זייא וועלען אייך האסען נאר דערפאר וואס איהר האט זייא געגעבען דעם נאמען איד; זייא וועלען אייך פעראכטען און האסען ווי יעדער אנטיסעמיט וואס האסט דעם אידען.

אונזערע מנהגים קענען זייא ניט געפעלען, — ווייל זייא פערשטהען עס ניט, פון אונזערע צערעמאניעס וועלען זיי לאכען און שפאטען, ווייל — זייא ווייסע ניט דעם טעם דערפון, און אלעס וואס ביי אונז איז טהייער און הייליג וועלען זייא פערשוועכען ווייל — זייא ווייסען ניט, און פערשטעהען ניט זיירע בעדייטונגען.

ווילט איהר האבען קינדער און ניט קיינע שונאים, דאן — טהוט ווייא אונזערע עלטערן האבען געטהאן, גיט זייא איין אידישע ערציהונג. און איהר מעגט זיכער זיין, אז זייא וועלען בלייבען אייערע קינדער, זיי וועלען אייך שעצען און אכטען אלס זייערע עלטערן און וועלען בלייבען טריי און איבערגעבענע קינדער צו זייער פאלק, עס ווערט דערצעהלט אין תלמוד 3* אז חוני המעגל האט א מאל געזעהען ווייא א גרייז גראער אלטער מאן שטעהט און פלאנצט א באקסערען בוים, און ער האט איהם א פרעג געטהאן: זאג מיר וויפיעל דארף דויערען ביז פון דיעזען קערנדעל וועט אויסוואקסען א בוים וואס אויף איהם זאלען שוין זיין צייטיגע באקסערן? „זיעבעציג יאהר„ האט איהם דער אלטער געענטפערט, נו, און דו האפסט נאך צו עסען באקסערן פון דעם בוים? — האט איהם דער תנא ווידער געפרעגט, רבי, האט איהם דער אלטער געזאגט — בין איך דען געקומען אויף דער וועלט אהן באקסערן בוימער? מיינע עלטערן האבען געזארגט פאר מיר און איך מוז איך זארגען פאר מיינע קינדער און אייניקלאך, עס קימערט מיך גאר ניט פאר וואס עס דארף אזוי לאנג

---

3* תענית כ"ג, עא'

אלא שמחייבין לבניהן *2 וועה! צו דיעזע מענשען, ניט געטוג וואס זיי זעלבסט פיהרען זיך אויף ניט אידיש, נאר זיי ווייזען אויך א שלעכטען ביישפיל פאר זייערע קינדער.

א נייע וועלט מיט נייע אידעען, אלערליי ערפינדונגען. יעדע זאך ווערט אויסגעארבייט און פערשעהנערט אבער דיא אידישע קינדער ערציהונג איז ביי אונז געפאלען, דער פאטער איז מעהר ניט אבגעגעבען מיט זיין קינד'ס ער־ציהונג וויא אמאל, אין דעם לאנד פון „הארי־אפ„ פערנעמט דער „יעצט„ דיא גאנצע צייט ביי יעדען. ער פערזארגט די קינדער מיט ברויט מיט אשוך או קלייד, ער זעהט אויך דאס זיין קינד זאל זיין אימשטאנדע צו מאכען פאר זיך א לעבען אין דער צוקונפט, וועו ער וועט ווערן גרויס אבער ער גיט זיך גאנץ ווייניג אב מיט נאציאנאלע פראגען מיט דער אידישקייט פון זיין קינד.

„זאל ער זיין א פרומער איד אדער, קיין פרומער איד אבי אן עהרליכער און אונאבהענגיגער מענש'' אזוי ענטפערט יעדער איינפאכער פאטער ווען עס קומט צו רייד וועגען זיין קינד'ס אידישער ערציהונג, מאנכע גלייבען דאס זייא טהוען שוין גענוג פאר דיעזער נאציאנאלע פראגע, ווען זיי גיבען א נדבה פאר דער תלמוד תורה, אדער ווען זייא לאזען — פון יוצא וועגען — א רבי'ן קומען אין הויז לערנען דעם זוהן „מפטיר„ צו זיין „בר מצוה„ און דער זוהן וואס וויים פון אידישקייט גאנץ ווייניג און פון דער אידישער היסטאריע, פון זיי־נע העלדען, מלכים, משוררים, און מארטירער נאך ווייניגער ווען ער קומט צווישען זיינע חברים ניט אידען און הערט וויא מען שימפפט און טאדעלט דעם אידישען נאמען וויים ער ניט וואס צו ענטפערען, און דיינקט אז דיא אנ־טיסעמיטען מיט זייערע בלבולים זיינען גערעכט, אזוי בלייבט עס ביזא איהם איינגעווארצעלט אין הארצען, און דאס איז דיא איינציגע תורה, דיא איינציגע לעהרע אין אמעריקא. וואס אזא סארט קינד וויים פון יודענטהום.

אויב מיר וועלען עס אזוי לאזען געהן, בלייבען מיר קינדערלאאז אין דער צוקונפט. אויב מיר וועלען ניט זעהען יעצט צו מאכען אונזערע קינדער פאר אידען בלייבט דיא אידישע נאציאן אהן א צוקונפט אין דיעזע לאנד.

דער אלטער דור שטארבט אפ, און ביי וואס בלייבען מיר? — הערט זיך גוט איין וואס אייערע קינדער ריידען אין הויז און אויפ'ן גאס צווישען זיך, וואס פאר א מיינונג זייא האבען פון אייך און פון די אידישע פאלק און אין

---

*2 יומא פ''ז, ע''א.

פון אמאל און וואס זעהען מיר יעצט? ווען מיר בעטראכטען דיא אידישע קינ־דער ערציהונג דא אין אמעריקא, בלייבען מיר אין גרויס פערלעגענהייט. ווארום אין דער ווירקליכקייט גערעדט וויא פיעל מיר זאלען ניט דענקען ווע־גען דיא צוקונפט פון יודענטהום אין אמעריקא, און וואס מיר זאלען ניט זאגען וועגען דער שווערער פראגע וויא אזוי צו האלטען דיא נייע דורות אז זייא זאלען ניט אוועק פון דאס אידישע פאלק מוזען מיר איין מאל פאר אלע מאל פעסטשטעלען דעם פרינציפ אז דיא גאנצע צוקונפט פון אידען אין אמעריקא ווענדעט זיך נאר אין דיא ערציהונג וואס מיר וועלען געבען אונזערע קינדער.

וועלען מיר זיך מיהען איבער צוגעבען צו אונזערע קינדער אמוויינינגסטענס איין טהייל פון דיא גרויסע גייסטיגע אוצרות, פון דיא טראדיציאנען וועלכע מיר טראגען ארום שוין טויזענדער יאהרען? וועט אונז געלינגען אז אונזערע קינדער זאלען בעזיצען אמוויינינגסטענס א טהייל פון דער טרייהייט און אי־בערגעבענהייט וואס מיר פיהלען צו אונזער פאלק, דאן האבען מיר אונזער צוקונפט גערעטעט, וועלען מיר עס ניט קענען, וועלען מיר דיא אידישע קינדער ערציהונג פערנאכלעסיגען, דאן איז אונזער אונטערגאנג זיכער און עס איז בלויז א פראגע פון דער צייט וויפיעל עס קען נאך דויערען

ליידער זעהען מיר אין פיעלע הייזער דעם גרויסען און דיקען וואנד וואס שיידעם אפ דיא קינדער פון דיא עלטערען, דער פאטער זיצט שבתביים טיש און זינגט „השומר שבת הבן עם הבת„ און דער זוהן מיט דער טאכטער מאכען פאר זיך שבת, זיצען אין א קאמפאני פון יונגע לייט וועלכע זיינען פרעמד צו אלעם וואס איז אידיש, און שפאטען פון דעם אלטען אידען און פון זיינע אלטע טראדיציאנען.

עס קומט אויס — מולידין דלא כוותהון, מרביין דלא דמיין להון *1 זיי ברייגגען אויף דער וועלט און ערציהען אזעלכע קינדער, וועלכע זיינען גאר ניט גלייך צו זיי, ניט אין זייערע אויפפיהרונגען און ניט אין זייערע אידעען. דיא קינדער וועלכע געהען נאך אין חדר, בעגעגנען ביי מאנכע עלטערען אין הויז אויף יעדעם טריט, דעם קאנטראסט וואס דער לעהרער האט מיט זייא געלערנט, און עס ווערט ניט ווילענדיג געפארען ביים קינד דיא פראגע, ווער איז גערעכט? דער רבי אדער דער פאטער, דער חומש, אדער דיא אויפפיהרונג פון דיא מיטגליעדער אין הויז? ביז ער קומט צום בעשלוס, אז דער „חומש„ און דאס „לעבען„ זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. אויך אויף דיעזע האבען דיא חכמים געהאט א ווארט: אוי להם לרשעים, לא דיין שמחייבין את עצמן

*1 מדרש חזית פ"א

# שלום-וואָרט

אט דאס זיינען אונזערע טראדיציאנען וואס מיר האבען פון דור צו דור, קינדער ערציהונג איז ביי אונז אימער געשטאנען זייער הויך, עס איז ביי אונז געווען איינע פון דיא גרעסטע מצוות, דיא הייליגסטע פפליכט פון דעם פאטער צו זיינע קינדער.

זיין גאנצעס שטרעבען איז געווען איבערצוגעבען צו זיינע קינדער גייסט־ליכע אוצרות, אלעס וואס ער האט געלערנט, אלעס וואס ער האט געהאט בקבלה פון זיינע לעהרער און פון זיינע עלטערען, אלס וואס ער האט געוואוסט.

ווען ניט אלע קינדער, דאן האט ער אמווייניגסטענס אבגעזונדערט זיין בכור, זיין עלסטען זוהן און האט איהם איבערגעגעבען אין גאנצען צום לער־נען; דיא אנדערע, דיא איבעריגע קינדער האט ער געלערנט וויא וויט זיינע כחות, זיינע אומשטענדען האבען איהם ערלויבט.

מיר קענען זאגען מיט זיכערהייט, אז דער סוד פון דער זאנדערבארע קראפט וואס דאס אידישע פאלק בעזיצט, איבער צו ליידען און איבערצוטראגען די אלע צרות און פיין פון דעם ביטערען לאנגען גלות, ליעגט אין דער אידישער ערציהונג.

דיא עלטערען האבען געזארגט פאר דעם אידישען גייסט פון זייערע קינדער אזוי גוט וויא פאר זייער קערפערליכערגעזונדהייט, דיא ליעבע צו זייערע על־טערען, צו זייער פאלק און צו דער תורה האבען דיא קינדער איינגעזויגען צו־זאמען מיט דער מוטער'ס מילך, און אזוי איז ער איינגעוואקסען געווארען אין זייערע ביינער.

דאס זיינען דיא קינדער וועלכע האבען זיך גערופען אונזערע עלטערען, און דאס זיינען דיא קינדער פון דעם אלטען דור, וועלכע זיינען אויך פערטיג זיך אויפצופפערען פאר זייער אמונה פאר זייער נאציאן וויא זייערע זיידעס

אום איינצופליעסען טיעפער אין הארצען פון דעם אידישען פאלק דעם הייליגען אידישען גייסט, דעם דאזיגען טיעפען און שטארקען גייסט, וואס דיא אמאליגע אידען האבען בעקומען אויף דעם בארג סיני דורך אונזער עלטעסטען און גרעסטען נביא משה רבנו! מיט דעם גייסט פון תורה, וואס איז פול דינים און מיט די עדעלע סאציאלע און פאליטישע געדאנקען פון אונזער ערשטען, געטליכען פאלקס לעהרער, משה רבנו!

צו יעדער צייט האבען זיך געפונען וויכטיגע מענער, וועלכע האבען אויפגעלעבט דעם גייסט פון אידישען פאלק, איהם ערמונטערט צו לערנען דיא תורה או ערציהען זייגע קינדער אין א שטרענג אידיש נאציאנאלען גייסט, איז נימ עזרא איז געקומען דער גרויסער הלל און נאכהער ר'חייא און זיינע קינדער, אבא אריכא, דער זוהן פון ר' חייא הבבלי'ס שוועסטער, דער גרויסער געלעהרטער וועלכער איז אוועק פון ארץ־ישראל נאך בבל מיט דעם צוועק צו גרינדען א ישיבה און דארט פערברייטען דיא תורה, און וועלכער האט געגרינדעט דיא ישיבה אין סורא. מר שמואל ירחינאה, דער גרינדער פון דער ישיבה אין נהרדעא און פיעלע אנדערע, יעדער פון זייא האט פערשטארקט דעם אידישען בנין, בעפעסטיגט דעם פונדאמענט פון דער תורה און זיך אבגעגעבען מיט קינדער ערציהונג

און האבען בעוויזען פאר דער דאזיגער צייט פעסט און שטארק ווער׳ען אין אונזער דת און טיעף איינוואָרצלען אין זיך דעם טיעפזיניגען גייסט פון משה רבנו׳ס תורה.

דער ערשטער און דער גרעסטער ארבייטער אין דער הייליגער אידישער ארבייט אין יענער צייט, אין דעם קרעפטיגען אונזער נאציאנאלע געפיהלען און אינזער נאציאנאלען לעבען. — איז געוועזען עזרא הסופר, דיא תלמודיס־טען אונזערע, וואס האבען געלעבט מיט א פאר הונדרעט יאהר שפעטער פון עזרא׳ן, האבען איהם אזוי הויך געשעצטאז זייא האבען וועגען איהם געזאגט: „ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל, אלמלא קדמו משה 26* — עזרא וואלט ראוי געווען, אז דיא תורה זאל געגעבען ווערען אונזער פאלק ישראל דורך זיינע הענד, ווען משה רבנו זאל ניט זיין פריהער פאר איהם.

בתחלה, כשנשתכחה תורה מישראל עלה עזרא מבבל ויסדה. חזרה ונשתכחה עלה הלל הבבלי ויסדה, חזרה ונשתכחה, עלו ר׳ חייא ובניו ויסדוה. 27* אז דיא תורה איז פערגעסען געווארען ביי אונזער פאלק ישראל, איז געקומען עזרא פון בבל צו פעסטיגען זיא, ווען זיא איז ווידער פערגעסען געווארען איז געקומען הלל הזקן פון בבל, דער גרינדער פון דיא דינאסטיע פון נשיאים צו פעסטיגען זיא, ווען זיא איז ווידער פערגעסען געווארען איז געקומען ר׳ חייא הבבלי און זיינע זיהן און האבען דיא תורה פערפעסטיגט ביי דעם אי־דישען פאלק.

און ווירקליך, אין וואס איז בעשטאנען דיא ארבייט, דיא הייסעסטע און געטרייעסטע ארבייט פון דיא גרויסע מענער? זייא האבען געארבייט בכל אמצ־כחם. זיי האבען דאס גאנצע לעבען זייערען געאפפערט צו ליעב אונ־זער פאלק. צו ליעב דעם, זיי זאלען עם אויסבילדען אין דעם גייסט פון אונזער תורה.

זייא האבען געוואלט אז אלע אידען זאלען שטארק און פעסט צוגעצויגען ווערען צום ריינעם און שטרענג אידישען לעבען, אז אלע אידען, זאלען פון קינדהייט אן איינגעצויגען ווערען אויף אונזר הייליגע תורה און זאלען ערנסט מקיים זיין אלע מצוות און תקנות פון אונזער׳ע חכמים זייא האבען געטראַכט מיט ליעבע צום איינציגען גאט און צו מענשען

---

26* סנהדרין כא׳.

27* סוכה כ׳ עא׳.

באזנו — כלומר, לא יפחידו כי ילקחו — אלה מלהו מיד או ישתוק 21 *

דער פאטער האט נעפאלגט ער האט גוט אכטונג געגעבען אויף זיין קינד, ער איז צו איהם געווען איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע, ער האט זיין קינד ערצויגען וויא געהעריג, וויא א אידישער קינד דארף ערצויגען ווערען, אין תורה און דרך ארץ; ואם לאו! ראוי שלא בא לעולם, והוא כאילו קוברו 22 *

דער פאטער וואס גיט ניט אכטונג אויף זיין קינד, קימערט זיך ניט וועגען זיין אידישע ערציהונג און לערנט איהם ניט קיין תורה, האבען דיא חכמים געזאגט — איז גלייך וויא דער פאטער זעלבסט וואלט איהם בעגראבען לע־בעדיגערהייט

דיא חכמים האבען געזאגט א גוט ווארט וועגען קינדער ערציהונג, און דיעזער ווארט איז ארומגעגאנגען פון מויל צו מויל צווישען דער מאסע:—

אם אין גדיים און תיישים, אם אין צאן, אם אין צאן אין רועה 23* דאס הייסט, אז עס איז ניטא קיין קליינע ציגעלער, איז ניטא קיין גרויסע,, און אז עס איז ניטא קיין גרויסע שאף, איז ניטא קיין הערדע, און אז עס איז ניטא קיין סטאדע דארף מען קיין פאסטוך ניט, דאס מיינט — אז מען גיט ניט אכטונג אויף דיא קליינע קינדער, אז זיי זאלען לערנען און ערצויגען ווערען וויא עס דארף זיין, איז ניטא קיין דער וואקסענע מענער וועלכע זאלען בילדען א גאנץ פאלק און שטעהען פאר זיינע רעכטע, זיי קענען זיך אויך קיין מאל ניט פעראייניגען אונטער איין קערפערשאפט.

רבי עקיבא האט געזאגט: אז דיא אידישע פאלק מיט זיין תורה איז אזוי וויא א פיש אין וואסער: 24 * אזוי וויא א פיש קען ניט לעבען אהן וואס־סער, אזוי קען אויך דיא אידישע פאלק ניט עקזיסטירען אהן דער תורה.

את דיעזער רבי עקיבא, וועלכער האט געהאט פיער־און־צוואנציג טויזענד דערוואקסענע תלמידים, פלעגט אבזיצען שטונדען לאנג אין א חדר פון קליינע קינדער 25 * און פלעגט זיך איטרעסירען מיט זייער לעהרע.

אין דער צייט ווען דער צווייטער בית המקדש איז איינגעבויט געווארען פון יענער צייט אן אין א משך פון צוויי הונדערט יאהר זיינען אידען געזעסען אין זייער אייגען לאנד, איש תחת גפנו ותחת תאנתו, זייער רוהיג און שטיל

---

21 * שמחות פ"ח, הל"ו

22 * ילקוט תורה, רמז תתע"

23 * ירושלמי סנהדרין פי', הל"ב; ויקרא רבה פא' — ז', רש"י ישעיה ח".

24 * ברכות סא'. עש' משל השועל והדגים..

25 * אבות דר"נ, פ"ו

עס איז אויך געווען איינגעפיהרט אז אין דיא טעג צווישען פסח און שבועות, פלעגט דער שהל שמש צונויפנעהמען אלע קינדער, און מיט זיי צו־זאמען ציילען „ספירה„ בקול רם, שבת און יום טוב נאך מעריב פלעגען דיא עלטערען צו פיהרען זייערע קינדער צום עמוד, וואו מען האט זיי געגעבען פערזוכען דיא וויין פון דעם כוס של ברכה, שמחת תורה, האט מען אויפגע־רופען אלע קינדער „כל הנערים” צו דער תורה 16 * און מען האט זייא ערקלעהרט דאס אין דיעזען טאג זיינען אלע מלאי שמחה, ווייל מען האט גע־ענדיגט דיא תורה.

אמרי אינשא, שותא דינוקא בשוקא, או דאבוה או דאימיה 17 * די וועלט זאגט א גלייך ווארט: דער עפעל פאלט ניט ווייט פון בוים; וואס אלטע קייען, טהוען יונגע שפייען, און ווען דיא ווילסט קאנען דיא עלטערען, וויסען זייער אויפפיהרונג אין הויז — דאן, הער זיך צו וואס דאס קינד רעדט אין גאס, און בעטראכט זיין אויפפיהרונג, וועסט דו שוין אלעם וויסען

דארום איז דער פאטער געווען זייער אויפריכטיג, ער פלעגט זיך ניט אי־בערעדען מיט דיא מוטער פאר דעם קינד אין דיא אויגען,, אין זיין געגענ־ווארט, ער פלעגט זיך ניט פיהרען שטרענג אין הויז און זיך היטען ניט צו ווערען בייז, אויפגערעגט. אל יטול אדם אימה יתירה בתוך ביתו 18 * און קיין מאל נים זאגען קיין ליגען, זאגאר צו זיין קלענסטען קינד 19 *

דיא מוטער האט אויך געשעצט דעם פאטער, איינגעפלאנצט אין דיא קינ דער'ס הערצער, זייא זאלען איהם עהרען און רעספעקטירען, דער פאר איז דער פאטער, ביים אידישען קינד געווען פעררעכענט אלס א קעניג; אביו של אדם כמלכו 20 * דער פאטער האט נאר עטוואס געדארפט זאגען און דער קינד האט געפאלגט, ווען דאס קינד האט אין עטוואס פערזינדיגט דאס ער האט פערדיענט א שטראפע, האט מען אנגעזאגט דעם פאטער ער זאל זיין קינד ניט שרעקען, ער זאל ניט זאגען דאס ער וועט איהם שלאגען, נאר ער דארף איהם גלייך בעשטראפען אדער זיך מאכען וויא ניט זעהענדיג; אל יראה אדם לתינוק

---

16 * שם כ'.ו

17 * סוף סוכה נ"ו

18 * גיטין ו'

19 * דא"ר, פ"ה.

20 * פרקי דרא', פל"ט

צייט, ווא דיא לומדים אין דיא פני פון דער געמיינדע זיינען איינגעלאדען געוואָרען. דער „בר־מצוה„ האט געזאגט פאר זיי א דרשה, און אלע האבען זיך געפרייט מיט דעם נייעם אידען וואס איז צוגעקומען אין דער געמיינדע *12

ערב פסח פלעגט מען דיא קינדער לייגען שלאָפען נאך מיטאג, אום זייא זאלען קענען זיצען שפעט אין אבענד מיט דיא עלטערען צוזאמען ביים סדר„ און פרעגען דיא פיער קשיות *13 שבועות, האט מען געטהיילט דיא קינדער ספעציאל געבעקס, וועלכעס מען האט גערופען „סיני„ *14 אלס אנדענקונג דאס אין דיעזען טאג האט מען ערהאלטען דיא תורה אויף דעם בארג סיני.

סכות, פלעגען דיא קינדער בעציערען דיא סוכה מיט פערשיעדענע בעפוצונגען, דאס איז געווען זייער מצוה, דער פאר האט מען זיי אוועקגעגעבען דיא „סכך„ און דיא „הושענות„ וועלכע זיי פלעגען עס צונויפנעהמען גלייך נאך סוכות, און דער מיט זיך זעהר גוט אמוזירען, זייא פלעגען דער מיט מאכען גרויסע פייערען אויפ'ן גאס און קיינער האט זייא ניט געשטערט.

חנוכה און פורים האט מען דיא קינדער געגעבען מתנות, וויא „חנוכה געלד„ און „פורים געלד„ דורך זייא פלעגט מען אויך שיקען „מנות„ צו דיא ארעמע לייט, אום זיי איינגעוויינען אין געבען צדקה *15

אט אזוי איז דער קינד בעאיינפלוסט געוואָרען, אין הויז, אין שוהל און אין גאס מיט אלע אידישע דינים. מנהגים און צערמאָניעס, ער האט זיך געפרייט מיט זיינע עלטערען צוזאמען אין דיא נאציאנאלע פייערטאגע, און האט מיט זיי צוזאמען געטרויערט אין דיא נאציאנאלע טרויער טעג, דיא געמיינדע האט זיך אויך געזאָרגט פאר דיא קליינע קינדער און פלעגט זעהען אז זייא זאלען זיך אויך בעטהייליגען אין גאטעס־דינסט און אין אלע צערמאָניעס. מען האט געזאָרגט אז דיא קינדער זאלען זיין בעקאנט מיט אלעס וואס עס איז אידיש און מיט אלעס וואס בעלאנגט צום יודענטהום.

---

*12 שו"ת חות יאיר סימן קכ"ג.

*13 מנהגים, ספר חסידים יא' יט'

*14 שם ט"ז.

*15 שם.

נעווען איינגעארדענט קליינע ביינקלאך אויף וועלכע דיא קינדער פלעגען זיצען בעת דעם דאווענען, זיך איינהערען דיא תפלות און ענטפערען מיט'ן עולם ב"ה וב"ש און אמן *6 פרייטאג נאך מנחה, פלעגען דיא פאטערס שיקען אנזאגען דיא מוטערס אין הויז, אז באלד וועט מען מקבל זיין דעם שבת, און עס איז צייט צו בענשען ליכט *7

אין דיא ערשטע נאכט פון פסח פלעגט מען אויסטהיילען צו דיא קינדער וויין, ניס און פערשיעדענע פרוכט אום זייא זאלען פרעגען „מה נשתנה„ וואס איז עפעס היינט אנדערס וויא אלע נאכט *8 פורים, האט מען צוליעב דיא קליינע קינדער, איינגעפיהרט, אז גאנץ קהל זאל זאגען אין דער הויך, בע־שטימטע פסוקים פון דער מגילה בעת לייענען, אום זייא צו מאכען לוסטיג און פריילאך

מה שנהגו לאמר הפסוקים בקול רם, כגון איש יהודי, ומרדכי יצא, ליהודים, כי מרדכי אינו אלא לשמח התינוקות *9 אויף דעם „קלאפען המן'ען„ וועלכע איז שוין נעווען איינגעפיהרט אין דעם צוועלפטען יאהר הונ־דערט, איז אויך געווען צוליעב דיא זעלבע אורזאכע, אום לוסטיג צו מאכען דיא קינדער *10 אויך אין דיא איבעריגע ימים טובים, פלעגט מען דערפרייען דיא קינדער מיט מתנות און זיי אונטערהאלטען מיט פערשיעדענע שפיעלכע־רייען. דער פאטער אדער דיא אנגעזעהענע לייטע פון דער געמיינדע פלעגען בענשען דיא קינדער יעדען שבת און יום טוב נאכ'ן דאווענען. *11 ווען דער זוהן איז געווארען „בר־מצוה„ פלעגט מען איהם אויפרופען ער זאל לייענען א פרשה אין דער תורה, אין הויז האט מען פעראנשטאלטעט א גאנצען מאהל

---

*6 שו"ת מהר"ם דפוס קרימונה סימן קמ"ח.

*7 ראב"ן סימן שמ"ב — ווארום נור פרויען בענשען ליכט, און ניט דיא מענער? ווייל דיא פרויען זיינען אנפערטרויט מיט דיא כשרות פון הויז, אויף דעם לעבען פון זייערע מענער און אויף דיא ערציהונג פון דיא קינדער, זיי קאָ־נען אָנצינדען דעם ליכט פון אונזער אמונה אין דיא הערצער פון זייערע מענער און קינדער, אָדער אין גאנצען חלילה פערלעשען דיא ליכט פון יודענטהום. **דארום האָט** מען נאר זייא געגעבען דיא מצוה פון הדלקת הנר (טור רס"ג, **ומדרש** **אבכיר**.)

*8 ראב"ן דף ע"ד עב'.

*9 „אכופות„ (כ"י)

*10 עיין לעווינזאָהן, „מקורי מנהגים„ 89.

*11 מנהגים ספר חסידים.

ציהונג. זכור אני שהיתה אמו מולכת עריסתו לבית הכנסת בשביל שידבקו אזניו לדברי תורה *1 „איך געדענק — דערציילט ר' דוסא בן הרכינס — וויא ר' יהושע בן חנניה'ס מוטער האט איהם ארומגעפיהרט אין זיין וויגעלע, פון איין בית המדרש צום צווייטען, אום זיינע אויערען זאלען זיך איינגעוואה־נען צו הערען אימער דברי תורה. קיין שענהייט, קיין רייכטום *2 האט איהם זיין מוטער ניט געקענט געבען, אבער תורה און חכמה, האט זי איהם געהאלפען ער־ווערבען וואס מעהר.

און זיא איז ניט דיא איינציגע. מען קען אויסרעכנען אזעלכע אידישע מוטערס אין דיא הונדערטע און פילייכט אין דיא טויזענדע.

והוי אוהב את בית המדרש, כדי שיבאו בניך לתלמוד תורה *3 ליעב דעם בית־המדרש! אום דיינע קינדער זאלען דאדורך בעקומען אליעבע צו לערנען תורה, דאבען דיא חכמים אנגעזאגט. און אזוי איז טאקע געוועזן — ווען דער פאטער האט געהאט אביסעל רוהיגע צייט, איז ער געגאנגען אין בית המדרש לערנען. ווען דיא מוטער האט געוואלט געניעסען א ביסעל פערגעניגען, איז זיא געגאנגען אין בית המדרש הערען וויא מען לערנט און דיא קינדער האבען זיי אויך גענומען מיט זיך.

דיא עלטערען האבען געזעהען איינצופלאנצען א געפיהל פון גלויבען, פון אמונה אין גאט און זיין תורה אין דיא יונגע הערצער פון דיא קליינע קינדער, און ניט נאר האט דער פארצייטיגער פאטער געלערנט זיין קינד תורה, נאר ער האט איהם אויך איינגעווארנט צו גוטע טהאטען, איש חייב לחנך את בנו במצוה *4 דער פאטער איז פערפליכטעט איינגעוויינען זיין קינד צו גוטע טהאטען. צום ביישפיעל — ער האט געגעבען צדקה, האט ער עס געשיקט דורך זיין קינד, אום ער זאל זיך אויך איינגעוויינען דערצו און טהאן דאס זעלבע, זוען ער וועט אויפוואקסען, דיא קינדער פלעגען טראגען דיא סדורים ווען זייא פלעגען גיין מיט דיא עלטערן אין שוהל *5 דארט, אין שוהל איז

---

*1 ירושלמי פא' דיבמות.

*2 ר' יהושע בן חנניה איז געוועזען א מאוס'ער אין אויסזעהן, א גרויסער־ארעמאן, און א שמיעד פון פראפעסיאן.

*3 דרך ארץ זוטא ט'.

*4 נזיר כ"ט עא'.

*5 בכמ"ק (כ"י מעיר ציריך הנמצא בביבלאתיקה הקיסרית בווינא) דף ר"ז „והקטנים שנושאים לבי"הכנ" המחזורים, ליתן שכר טוב למביאיהם„ עפ' הגמרא חגיגה ג'.

מיר האבען אבער געהערט וויא קינדער, זאגאר זייא איז ניט געבליבען פון זייערע עלטערען קיינע רייכטהום זאגען, מיט איין אויסדרוק פון גרויס צופרידענהייט: אונזער פאטער איז געוועזען צופיעל גוטהערציג, צו פיעל פריינדליך צו נויטהבעדערפטיגע, צופיעל ליבעראל, צו פיעל געלד אויסגעבראכט אויף דיא ערציהונג און בילדונג פון זיינע קינדער — עס זאל פון איהם בלייבען רייכטהום. א פאטער וואס לאזט איבער פאר זיינע קינדער מעהר ניט וויא רייכ־טהום: כוז ניך פערגעסען ווערען פון דער וועלט און ווערט זעלטען ערמאינערט נאגאר פון זיינע קינדער.

עס איז איין אינבעשרייטבארער פאקט, אז עלטערען ווערען ניט געעהערט פון זייערע קינדער פאר דיא רייכטהום וואס זייא לאזען פאר זייא איבער. עס איז א געזוועהנליכע זאך, רייכטהום געהט איבער בירושה צו דיא יורשים. עס קען נאך מעגליך זיין, אז דיא קינדער זאלען ווארטען אויף דער גליקליכער צייט, ווען זייא וועלען בעזיצען דיא רייכטהימער, און ווערען די יורשים פון זייע־רע עלטערנס פערמעגען..

אבער ווען דער קינד איז אומשטאנדע צו זאגען: מיין פאטער איז גע־ווען זעהר געטריי צו זיין פאמיליע, איבערגעגעבען מיט לייב און זעלע צו זיינע קינדער, זייא ערציהען פאר אידען. ער האט קיין מאל ניט געקארגט ווען ער האט געדארפט בעשטעלען א לעהרער פאר זיינע קינדער, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען זייער בילדונג. זיין גאנצער פערגעניגען איז געוועזען, ווען ער האט געזעהען אז זיינע קינדער פראגרעסירען אין דער העברעאישער שפראך און וועלען זיין נאציאנאלע איבערגעגעבענע קינדער צו זייער פאלק. אט אזא קינד, פון אזעלכע עלטערען, וועט עהרען זיין פאטער, שעצען זיין עהרענווירדי־גע מוטער, און וועט אימער היילינג האלטען אין זיין זכרון דיא נעהמען פון זיינע עלטערען, ער וועט אהנע צווייפעלשטאלצירען מיט אזעלכע עלטערען, און וואס עלטער דער קינד וועט ווערען, אלס טהייערער און הייליגער וועט זייער אנדענקונג בייא איהם זיין.

אונזערע עלטערען האבען עס גוט פערשטאנען. און עס איז קיין וואונ־דער ניט וואס דיא קינדער אין יענע צייטען זענען געווען ניט נעזיטעט און אויך געלערנט אין פיעלע שפראכען און וויסענ־שאפטען.

עס איז קיין וואונדער ניט וואס דער אידישער לעהרער איז געווען אזוי שטארק געאכטעט ביים פאלק און בייא זיינע תלמידים. ווייל דיא עלטערן פון יענער צייט האבען ניט געוואוסט פון קיין בעסערען און גרעסערען ציעל אין זייער לעבען וויא צו געבען זייערע קינדער א ריכטיגע אידישע ער־

# דיא איבערגעבענהייט פון פארצייטיגע עלטערען צו דיא ערציהונג פון זייערע קינדער.

א׳

עלטערען פערברייגגען זייער לעבענס צייט, א לעבען פון שווערע מיהע און ארבייט, פאר דעם גליק פון זייערע קינדער. זייא ווענדען אן אלע זייערע קרעפטען אום איבערצולאזען פאר זייערע קינדער רייכטהום. זייא צו פערזיכערען מיט א פונדאמענטאלע שטעלונג אין דעם געזעלשאפליכען לעבען, אדער מיט אנדערע וועלטליכע נוצען.

זייער וויינינ שטעלען זיך דיא פראגע, אין וואס בעשטעהט דער ריכטיגער גליק פון דיא קינדער? אדער, פאר וואס אין פאר וועלכע טהאטען זיינען דיא מעהרסטע קינדער אם מייסטענס *דאנקבאר* זייערע עלטערען?

זיי פערגעסען אז עס איז פאראןאויף דיעזער וועלט, איבערצולאזען פאר דיא קינדער א סארט אונענדליכקייט אזא מין אייביגקייט, פון א פיעל גרעסערען ווערטה וויא אירגענד וועלכע רייכטהום און פערמעגענס, ניט אזוי פאר דיא עלטערען וויא פאר די קינדער זעלבסט, וואס ליעבט דער קינד אם מייסטענס צו געדענקען? אדער פאר וועלכע זאכען איז ער העכסטענס דאנקבאר? מיר האבען קיין מאל ניט געהערט אז א קינד זאל אויסדריקען דאנקבארקייט צו זיינע עלטערען, אדער זאל זיין שטאלץ מיט דעם וואס זיין פאטער איז געוועזען געלד־גייציג און האט געזוכט צו ערווערבען רייכטהום, זאגאר אין דער צייט ווען דער קינד לעבט אין לוקסוס און בענוצט זיך, מיט דאס, וואס זיינע *עלטערען האבען* פאר איהם איבערגעלאזט.

## נאָך אַ ווייציגער ענטפער פון א חדר־אינגעל

---

אן עלטערער מענש האט געשיקט א קליינעם חדר־אינגעל ער זאל פאר איהם קויפען אייער און קעז. דער קינד האט עס געבראכט. „זאג מיר, מיין קינד, — האט איהם דער מאן געפרעגט — וועלכער קעז איז פון א שווארצער ציעג און וועלכער פון א ווייסער?„ דאס קינד האט זיך ניט פערלוירען און האט געענטפערט: איהר זיינט פיעל עלטער פון מיר, מיין העדר! און געוויס אויך קליגער, ענטפערט מיר בעפאר אויף מיין פראגע און דאן וועל איך אויף אייערע ענטפערען. זאגט מיר כ'בעט אייך וועלכער איי איז פון א שווארצער הוהן און וועלכעס פון א ווייסער„ 13*

---

איך האב געבראכט דיזע אייניגע ערצעהלונגען פון דיא אמאליגע פער־צייטיגע חדר־אינגלאך, אום צו צייגען דאס דיא קינדער ערציהונג ביי אידען אבזואהל זיא איז געווען א שטרענג נאציאנאל־רעליגיעזע, האט זי ניט נאר געגעבען דעם קינד א געוויסע סומע פון וויסען און קענען, זאנדערען זיא האט אויך ענטוויקעלט זיין גייסט, זיין פערשטאנד. האט איהם געלערנט דענקען ריכטיג, וויסען וויא זיך אויפצופיהרען, וויא זיך צו בענעהמען אין א געזעלשאפט און וויא צו לעבען מיט אנדערע מענשען דאס קינד האט געלערנט קענען זיינע פפליכטען געגען גאט, געגען זיין פאלק און געגען אלע מענשען אין כלל, דער־בייא אבער האט מען איהם אויך געלערנט קענען זיינע רעכטע. ער איז ניט געוועזען קיין עזות פנים, ניט פרעך, אבער אויך ניט קיין גרויסער נבנה, קיין שקלאף. ער האט ניט געוואלט ליידען קיינע ערנידריגונגען און האט זיך ניט פערלארען, ער איז ניט געבליבען אין פערלעגענהייט און איז געווען שארפזיניג אין זיינע אנטווארטען, מיט איין ווארט ער האט געהאט זיינע פארערונגען פון דער מענשליכער געזעלשאפט און איז געווען שטאלץ און מוטהיג צו יעדער צייט.

---

13* שם

דערזעהען א ברונעם, ער איז צו געקומען און האט דארט געטראפען א קליינע מיידעל מיט א קרוג פול מיט וואסער אויפ'ן שולטער. „גיב מיר א ביסעל וואסער צום טרינקען, איך בין זייער דורשטיג — האט איהר ר' יהושע געבעטען — טרינק מיין הערר! — האט דאס מיידעל געענטפערט — און האט איהם דערלאנגט דעם קרוג וואסער, ער האט געטרונקען און האט דערבייא בעמערקט: איך דאנק דיר מיין קינד, פאר דער טובה וואס דוא האסט מיר געטהאן. דוא בינסט גאר דיא צווייטע רבקה„ „יא מיין הערר — האט איהם דאס מיידעל געענטפערט — איך האב געטהאן דאס זעלבע וויא רבקה, אבער דוא, מיין הערר האסט ניט געטהאן וויא אליעזר 10 * (מיינענדיג דיא מתנות וואס אליעזר האט געגעבען צו רבקה'ן).

## א וויציגער איינפאל פון א פארצייטיגען חדר־איינגעל

מעשה באחד שבא לבית הכנסת אמר ליה לינוקא סב הדין פרוטה ואייתי לי מה נאכל תשבע ונותר — אייתי ליה מלח 11 *

איינער פון דיא „בני אתונאי„ אגרויס געלערנטער, איז געקימען אין ירושלים. ער האט אנגעטראפען א אידישען חדר־איינגעל און האט איהם געגעבען א מטבע, ער זאל איהם עפעס קויפען, פון וועלכעס ער זאל עסען און עס זאל איהם נאך איבערבלייבען מיט צו נעהמען אין וועג אריין. דאס קינד האט בעטראכט דיא מטבע, עס איז געוועזן פון א קליינעם ווערטה, ער האט דערפאר געקענט קויפען גאנץ וועניג. ער האט לאנג ניט געטראכט, איזעקגעלאפען עפעס געקויפט און האט איהם דערלאנגט, „וואס האסטו דוא געבראכט„? האט איהם דער מאן געפרעגט. „מיין הערר! — האט דאס קינד געענטפערט— דוא האסט מיר געגעבען אזא קליינע מטבע און דערביי פערלאנגט איך זאל ברייגנען אזא מאכל וועלכער זאל דיר זעטיגען און עס זאל נאך איבערבלייבען, האב איך דיר געבראכט א רעכט ביסעל זאלץ, דערפון וועסט דוא עסען וויא פיעל דוא ווערסט וועלען, און עס וועט דיר נאך איבערבלייבען גענוג מיט צו נעהמען מיט זיך אין וועג אריין 12 *

11 * כלה רבתי פי'.

10 * מדרש רבה, פא' ט'

12 * מקור האגדה איכה רבתי א', בשנויים קטנים.

אמר ד׳ מבשן אשיב, אשיב ממצולות ים! און אלע וויא איינער, זיינען אריינ־
געשפרונגען אין ים. 6 *

---

נאך א געשיכטע, אויך ניט קיין פרייליכע, ווערט דערצעהלט פון חנה׳ן
א מוטער מיט איהרע זיבען קינדער וועלכע האבען זיך אויפגעאפפערט על קדויש־
השם, יעדער קינד האט געענטפערט מיט א פסוק פון דער תורה אז מען טאר
ניט דיענען קיין עבודה זרה. זאגאר דער אינגסטער, א יונגעם קינד פון פיער
אדער פינף יאהר האט שוין געוואוסט צו ענטפערען מיט פסוקים פון דער
ת ו ר ה און האט געהאט א וויכטיגע ד ע ב א ט ע מיט עפיפא־
ניסען 7 *

---

מיר געפינען אין תלמוד 8 * די חכמים וואונדערען זיך וויא קומט עס
אז אסתר המלכה זאל איינלאדען איהר גרעסטען שונא, המן הרשע, צו איהר
מאלצייט? און זייא ענטפערען: מביתאביה למדה (שמעה התינוקות אומרים
כן, רש״י שם.) זיא האט געהערט פון דיא קליינע חדר־אינגלאך, אם רעב
שונאך האכילהו לחם (משלי כ״ה) ווען דיין פיינד איז הונגעריג, ראן גיעב
איהם עסען.

---

ר׳ יהושע בן חנניה האט געהערט, אז א קליין קינד זיצט אין געפענג־
ניס ער איז גלייך אוועק צו דער תפיסה און איז צוגעקומען רעדען מיט דעם
געפאנגענעם קינד דורך דעם פענסטער: „הער מיין קינד! — האט איהם ר׳
יהושע בן חנניה געפרעגט — מי נתן למשסה יעקב, וישראל לבוזזים? האט
דער קינד גלייך געענטפערט — הלוא ד׳ זו חטאנו לו, ולא אבו בדרכיו הלוך.
ולא שמעו בתורתו. (ישעיה מ״ב), וויא ר׳ יהושע בן חנניה האט דערהערט
זיין ענטפער, האט ער אויסגערופען „איך בין זיכער, אז פון דיעזען קינד וועט
אויסוואקסען א גרויסער מאן ער וועט זיין א מורה הוראה בייא אידען„ און
אזוי איז טאקע געווען. ר׳ יהושע האט איהם אויסגעלעזט און פון דיעזען קינד
אין אויסגעוואקסען ר׳ ישמעאל בן אלישע 9 *

---

פון דעם זעלבען ר׳ יהושע ווערט דערצעהלט, וויא ער איז אמאל געג־
גאנגען אין וועג און איז זייער דורשטיג געווארען, פון דער ווייטענס האט ער

---

6 * גיטין נ״ז, ע״ב: מדרש תהילים קל״ז, ילקוט איכה רמז
תתרב״ה.
7 * שם
8 * מגילה ט״ו עב׳.
9 * גיטן נ״ח עא׳

אויף שמואל דעם נביא. און אט דערפון האט רבי יוחנן גערדונגען דאס זיין לעהרער „שמואל„ ירחינאי פון בבל, איז געשטארבען.

---

א פיערטע געשיכטע געפינען מיר: ווען מרדכי האט זיך דערוואוסט וועגען דער געפעהרליכע גזירה געגען דעם אידישען פאלק, האט ער ניט גערוהט און געזוכט מיטלען וויא צו רעטען זיין פאלק. איין מאל, געהענדיג אין גאס, דיא קאפ געבויגען, דיא הארץ פערקלעמט און שטארק פערזארגט איבער זיין פאלק'ס שרעקליכען שיקזאל — האט ער געטראפען דריי קליינע קינדער געהענגדיג פון חדר, האט ער יעדעס קינד געפרעגט וואס ער האט היינט געלערנט, און יעדער האט איהם געענטפערט ריכטיג, דייטליך און קלאהר, דעם פסוק וואס ער האט געדענקט אמבעסטען. דער ערשטער — אל תירא מפחד פתאום דער צווייטער — עוצו עצה ותופר. דער דריטער — ועד זקנה אני הוא 5* ויא מרדכי האט עס דערהערט, האט ער זיך דערפרייט און איז אויף דאס ניי ערמוטהיגט געווארען.

---

א פינפטע געשיכטע געפינען מיר: נבוכדנצר'ס חיל האבען ארויפגעוועצט אויף א שיף פיער הונדערט אידישע קינדער, וועלכע זייא האבען געפאנגען אין ארץ ישראל, און זייא געוואלט אוועקפיהרען קיין בבל. דער יאמער־געשריי פון דיא קליינע קינדער, וועלכע זיינען אזוי פריהצייטיג אפגעריסען געווארען פון זייערע עלטערן איז געוועזן הערצרייסענד. עס האט גערירט זאגאר דיא הערצער פון זייערע אונבארעמהערציגע אונטערדריקער. דיא מערדער האבען זייא געוואלט טרייסטען. שרעקט זיך ניט — האבען זייא געזאגט צו דיא דערשראקענע קינדער — מען וועט אייך ניט טייטען נור פערטהיילען צווישען אונזערע מיניסטען, און אז איהר וועט נאר פאלגען, זיך לאזען לערנען, וועט מען פון אייך לאזען מאכען פרומע געצען דיענער און עס וועט אייך גאר נישט פעהלען, דיא קינדער דערהערענדיג דיא ווערטער פון זייערע טרויסטער האבען זיך שטארק דערשראקען. זייא האבען אנגעפאנגען קלעהרען צו וואלט זייא גאט רעכנ[ן] פאר א פערברעכען, ווען זייא וועלען גאר אריינשפרינגען אין טיעפען ים. באלד האט זיך איינער פון זייא איבגעשטעלט און אויסגערופען:

---

5* מדרש אסתר, ילקוט סופר תתר״נז

אנדערע ווידער פלעגען עס אננעמען פאר א מין פראפעצייהונג אזא גע־שיכטע געפינען מיר ביי ר' מאיר און אחר. ווען רבי מאיר האט איהם אויפגע־פאדערט ער זאל חוזר זיין בתשובה, האט איהם אחר געענטפערט אז עס איז שוין צו שפעט. דאן, זיינען זייא געגאנגען פון שוהל צו שוהל, פון חדר צום חדר. און נאכהער געפרעגט ביי קליינע חדר־אינגלעך זייא זאלען פאר זייא זאגען א פסוק. און מערקווירדיג! יעדעס קינד האט געענטפערט דאס וואס האט זיך געפאסט צו דעם ענין. עד דעייליה לתליסר בי כנישתא כולהו פסקו ליה כי האי גוונא *2

---

ווען נירון קיסר איז געגאנגען צו שטערען ירושלים, האט ער געפרעגט א חדר־אינגעל דעם פסוק, און דאס קינד האט איהם גלייך געענטפערט: אמר ליה לינוקא, פסוק לי פסוקיך, אמר ליה, ונתתי את נ ק מ ת י באדום ביד עמי ישראל (יחזקאל כ"ה, ג'.) איך וועל נעהמען ראכע פון אדום דורך מיין פאלק ישראל.

דער קיסר וויא עס צייגט, האט זיך זייער דערשראקען אט פאר דעם פסוק וואס דער קינד האט איהם געזאגט און האט אויסגערופען: „אזוי! גאט וויל בעשטראפען זיין פאלק ישראל און נאכהער נעהמען ראכע פון דעם וואס וועט איהם שלאגען"... האט ער אלעם איבערגעלאזען, אנטלאפען און זיך מגייר געווען, געווארען א איד. *3

---

נאך א געשיכטע געפינען מיר בייא ר' יוחנן: ער האט געוואלט מאכען א רייזע קיין בבל וואו ער האט זיך געוואלט זעהען מיט זיין גרויסען לעה־רער רבי שמואל ירהינאי, ער האט אנגעטראפען א חדר־אינגעל און האט איהם געפרעגט דעם פסוק. אמר ליה לינוקא פסוק לי פסוקיך, אמר ליה: „ושמואל מת" (שמואל כ"ה) אמר. שמע מינה נח נפשיה דשמואל *4 רבי יוחנן האט געזאגט צו א חדר־אינגעל: — זאג מיר מיין קינד דעם פסוק וואס דוא דענקסט יעצט, אדער, וועלכען דוא האסט היינט געלערנט אין חדר. האט איהם דאס קינד געענטפערט: ושמואל מת, וועלכעס איז געזאגט געווארען

---

*2 חגיגה ט"ו עא'־עב'.

*3 גיטין נ"ו. עא'.

*4 חולין צ"ה, עב'.

# היסטאָרישע ביישפּיעלע פון פערצייטיגע חדר-אינגלאך.

## ט׳

אונזערע עלטערען, פאַרצייטען, האָבען ניט געוואוסט פון קיין מאָ־דערנע מעטאָדען. דער פּראָגראַם פון זייערע קינדער־ערציהונג דאַמאָלס, איז געוועזען לערנען, לערנען און לערנען. ווען דער קינד האָט אָנגעפאַנגען רעדען, האָט מען מיט איהם גערעדט העברעאיש, ווען ער האָט נור געקענט געהן, האָט מען איהם מיטגעפיהרט אין שוהל און אין חדר. גאַנץ איינפאַך, מען האָט געוואָלט דער קינד זאָל לערנען און ער האָט געלערנט.

עס איז א פאַקט, אז אין דער תורה שבכתב, דאָס הייסט תורה, נביאים און כתובים זיינען געווען קלאָהר ניט נאָר גרויסע חכמים, גרויס געלעהרטע וויא מיר געפינען אין תלמוד — לפיכך נקראו ראשונים סופרים, שהיו סופרים כל האותיות שבתורה [1*] דיא ערשטע זיינען אזוי געווען קלאָהר אין דער תורה דאָס זייא האָבען געוואוסט אויס צו צעהלען אלע בוכשטאַבען פון גאַנץ תורה, נביאים און כתובים: מיר געפינען זאָגאַר דאָס קליינע קינדער האָבען גע־וואוסט פּסוקים אויסוויינינג און פלעגען ענטפערען אויף א פראַגע מיט א פּסוק פון תנ״ך מיט אזא שאַרפקייט און פּינקטליכקייט דאָס עס פלעגט בריינגען דעם צוהערער אין שטוינונג. עס איז געווען א מאָדע, אז ווען יעמאַנד האָט גע־האָט פאַר זיך א גרויסע אונטערנעהמונג און געצווייפעלט אין דעם רעזולטאַט דערפון, אדער, ווען איינער איז געווען פערצווייפעלט פון א שרעקליכע ער־וואַרטונג, פלעגט ער פרעגען א חדר־אינגעל א פּסוק וואָס ער האָט געלערנט אין חדר, און אין דיעזען פּסוק וואָס דער קינד פלעגט ענטפערען, פלעגט מען זו־כען אן ענטפער אויף דער פראַגע.

---

[1*] קדושין ל׳ ע״א.

וויא וויכטיג אזא „גן הילדים„ וועט זיין פאר אונז אידען קען יעדער פערשטעהען. מען קען עס לייכט איינארדנען נאכ'ן אידישען גייסט און עס זאל טראגען א נאציאנאלען כאראקטער.

מען דארף בלויז בעמערקען, אז נור מיט גוטע לעהרער, וועלכע פערשטעהען דיא מעטהאדע פון עברית בעברית און וויסען וויא ארומצוגעהן מיט קינדער, קען דיא „קינדער־גארטען„ סיסטעם ריכטיג אויסגעפיהרט ווערען. עס איז א היילינע פפליכט אויף דיא מנהלים פון יעדער תלמוד תורה, א מ'הויבט און אויף יעדע ציוניסטישע סאסייעטע בעזונדער, אויסצוהאלטען א גן־הילדים דער קינד זאל דארט אריינגענומען ווערען אין עלטער פון פינף ביז זעקס יאהר און זאל דארט פערברייגען אמווייניגסטענס איין יאהר צייט. דאמיט וואלטען ליינען דעם ערשטען שטיין, אין דער פונדאמענטאלע לעהרע, און אין דער פערשפרייטונג פון דער העברעאישער שפראך אין דעם צוקונפטיגען דור.

דענק־קראפט אויסשארפען, אז ער זאל קענען אליין אינערליך פערשטיין, איין ענגלישער פעדאגאג פון דיעזע נייע לעהרע האט אמאל געזאגט „טהינג איז טהינק„ א זאך איז דענקען, ווען מען האט א זאך אין קאפ און ווען מען דענקט ניט דעריבער, האט מען גאר ניט אין קאפ. דיא קינדער וואס ווערען ערצויגען נאך דיא אלטע מעטהאדע, ווייסען א סך נאך־צו־פלאפלערן, זייא זייגען אבער אפט נאר „אויסגעבילדעט„ וויא א פאפאגיי: זייער מוח איז אפט טעמפיג, זייא זיינען אפט געבילדעטע־דומקעפ.

דיא נייע פעדאגאגיק אבער שארפט בייא דיא קינדער דיא מוחות, זייא לערנען אפילו אלעס אויס שפעטער וויא דיא קינדער וואס לערנען אין דיא שוהלען פון דיא אלטע מעטהאדען, אבער זייא פערשפעטיגען פארט ניט אלעס צו לערנען אזוי גוט וויא יענע, דערפאר אבער, ווען זייא לערנען עס, לערנען זייא אלעס פערשטיין, און ווען זייא וואקסען אויף זיינען זייא דענקענדע מענשען מיט אויסגעשארפטע קעפ. דער קליגסטער, אינטער אלע מענשען, האט שיין לאנג געזאגט: „חנוך לנער„ על פי דרכו, גם כי יזקין לא יסור ממנו.

איינער פון דיא וויכטיגסטע פונקטען אין „קינדער גארטען„ איז דאס פאלגענדע: דיא שפיעל־צייגע, מיט וועלכע מען רינגעלט דאס קינד ארום און מיט וועלכען מען בעשעפטיגט איהם, זיינען פערשיערענע — איינינע בע־ציהען זיך אויף מוזיק, אנדערע אויף שניצערייארער מאלעריי, נאך אנדערע אויף ארכיטעקטור, גערטנער, מעכאניק א. ז. וו. דער „קינדער־גערטנער„ בעשעפ־טיגט דאס קינד מיט דיעזע אלע פערשיערענע זאכען, און קוקט זיך צו, צו וואס דאס קינד האט מעהר חשק, מעהר אינטערעס און מעהר פעהיגקייטען. אויף דיעזען ארט דערגעהט ער דעם קינד'ס נאטירליכע נייגונגען און ספעציעלע פ ע ה י ג ק י י ט ע ן. און דיעזע ע נ ט ו ו י ק ע ל ט ער בעזאנ־דערס.

עלה והצלח אמרו לבן חמיש,
מעלותיו עולים עלות שמיש,
בין ישדי אמו יישכב ואל ימיש,
צוארו אב יקח למרכבתו.
מה תאיצון מוסר לבן עשר?
עוד מעט יגדל — וייוסר,
דברו לו חן חן ויתכשר,
שעשועיו — תורתו ותוכחתו.

דרוילען געמוזט זיין א גרויסער פרייער פלאץ פאר דיא קינדער זיך צו שפיעלען.

דער פארצוג פון „קינדער־גארטען„ איבער דיא אנדער שוהלען איז זייער א גרויסער אין אנדערע שוהלען זוכט מען פריהער פון אלעם דאס קינד ארטיג און אנשטענדיג צו מאכען, מען ערלויבט איהם ניט צו שטיפען, טאנצען און שפרינגען און מען צווינגט איהם צו זיצען שטיל און רוהיג, דאס קינד מוז אום זיין נאטערליכע נייגונג איינצוהאלטען, זעהר שטארק אנשטרענגען זיינע נערוען, זא דאס זיי ווערען אויסגעמאטערט און בלייבען אונענטוויקעלט. דער אונטערריכט ווידער, וואס דאס קינד קריעגט אין דיא אלטע שוהלען, איז זייער לאנגווייליג און לעסטיג. צו דיא גייסטיגע משא, וואס דאס קינד מוז טראגען, פון דעם, וואס ער מוז איינשפארען און איינהאלטען זיינע אינערליכע געפיהלען — זיין אינערליכע טריעב צו שטיפען און צו שפיעלען זיך — צו דיעזע גייסטיגע משא, פאקט מען אויף איהם ארויף נאך איין אנדער לאסט: מען צווינגט איהם צו לערנען, מען טרייבט איהם אויסצודאלבען געוויסע זאכען אויף אויסווייניג, מען דורעט אין איהם וועהרענד זיין קעפעל ליעגט גאר אין א שפיעל און א שטיפעריי.

דער רעזולטאט דער פון איז, אז דעם קינד'ס פעהיגקייטען ווערען אבגעשוואכט, זיינע נערוען—ווערען טעמפ, און זיינע קערפערליכע קרעפטען אויסגעשעפט. פון דער אנדערער זייט ווידער בלייבט ער רויה און אונוויסענד. זוייל פון דיא דורעריי און דרומלעריי ק ל ע פ ט זיך צו א י ה ם וויניג וואס צו.

אין קינדער גארטען אבער דאגעגען קען דאס קינד פריי ענטוויקלען זיינע נערווע', זיין גייסט און זיין קערפער זיין אינערליכע טהעטיגקייט ווערט ניט איינגעשפארט, מען לאזט איהם זיך פריי בעוועגען, זיך שפיעלען, שטיפען. און אין דער זעלבער צייט, איז גראדע פון דעם שפיעלען זיך גופא, פון דעם שטיפען גופא, לערנט דאס קינד און בריי טעט אוים זיין ידיעה איז אלע אבטהיילונגען פון מענשליכען וויסען. דאס לערנען זיינער איז ניט קיין גערדרוימעלטער. דער רעזולטאט איז, אז דאס קינד בלייבט אי קערפערליך און גייסטיג געזונד און ער לערנט אלעס וואס א מענש דארף לערנען

דער וויכטיגסטער פונקט פון דיא נייע פעדאגאגיק (לעהרע וויא צו ערציהען קינדער) וועלכע איז נאך פרעבעל און פעסטאלאצי נאך ווייטער ענטוויקעלט געווארען, איז וויא שוין אגגע־צייגט, דאס מען דארף דעם קינד ניט אויסלערנען געדענקען א סך זאכען — טרוקען געדענקען — און נאך־פלאפלען זייא פון אויסווענינ, וויא א פאפאגיי, נור דער עיקר דארף מען זיין שכל, זיין

פרעבעל האט אויך געזעהען צו ענטוויקלען אין די קינדער דעם געשמאק פיר קונסט. מיוזיק איז דארום געווען איינע פון די געגענשטענדע, אין וועלכע די יונגסטע קינדער זיינען אונטעררינכט געווארע. דער אונטעררינכט איז אבער געווען ווי אין אנדערע געגענשטענדע. דאס הייסט דער „קינדער־גערטנער„ האט געזעהען, אז די קינדער זאלען פון דעם זינגען אי הנאה האבען אי לערנען. אויף א שווארצען ברעט האט דער „קינדער־גערטנער„ אויפגעמאלט מיט א שטיקעל קרייט א טרעפ מיט אכט שטאפלען — אזוי פיעל שטאפלען וויא פיעל הויפט טענער עס זיינען דא אין דער מיוזיק. דער „קינדער־גערטנער„ האט דאן צו די קינדער געזאגט: הערט וויא איך וועל מיט מיין קול ארויפדריבען אויף דיעזען טרעפ. דאן האט ער גענומען דעם ערשטען טאן אנווייזענדיג אויפ'ן ערשטען שטאפעל, נאכדעם דעם צווייטען, אנווייזענדיג אויפ'ן צווייטען שטאפעל, א. ז. וו.

ביז ער איז געקומען צום אכטען, דאס הייסט, צום העכסטען טאן, אנווייזענדיג אויף דעם אכטען שטאפעל. נאכדעם האט ער יעדעם קינד געפרעגט אויב ער קען ארויפקריכען דיעזען טרעפ אויף דעם זעלבען אופן, וויא ער, דער „ק י נ ד ע ר ־ ג ע ר ט נ ע ר„ האט געטהאן. פיעלע קינדער האבען געמאכט פראבעס.

פון אנפאנג האבען זייא נאטירליך ניט געקענט באלד כאפען דעם אונטערשיעד פון די פערשיעדענע טענער און זייא האבען דארום געמאכט פעהלער. ביסלעכווייז אבער, ווען דער שפיעל האט זיך אייניגע מאל ווידערהאלט, האבען זייא זיך צוגעוואוינט אונטערצושיידען צווישען די פערשיעדענע טענער. שפעטער האט דער „קינדער־גערטנער„ אויף דעם זעלבען אופן ערקלעהרט די ווייטערע אבטהיילונגען פון מיוזיקא. מיט דער צייט זיינען די קינדער בעקאנט ג ע ו ו א ר ע ן מיט די התחלה פון די מ ו ז י ק א ל י ש ע קונסט.

לעזען האט מען די קינדער אין „ק י נ ד ע ר ־ ג א ר ט ע ן„ ערשט אנגעפאנגען צו לערנען אין דעם עלטער פון אכט אדער ניין יאהר — א צייט ווען זייער מארך איז רייף גענוג אום דאס צו בעגרייפען מיט ווייניג אנשטרענגונג. די געביידען, אין וועלכע די „קינדער־גארטענ'ס„ האבען זיך געפונען, האבען געמוזט זיין זעהר גערעאם און בעקוועם. יעדער „קינדער־גארטען„ האט געמוזט האבען ניט ווייניגער וויא דריי שעהן אויסגעפוצטע, ריינע און לופטינע צימערען, ווייל א קינד ווערט לאנגווייליג צו זיין שטענדיג אין דעם זעלבען צימער, וויא שעהן ער זאל ניט זיין. חוץ דעם האט נאך אויף

מאכט א רייזע נאך דייטשלאנד, אום צו זעהען וואו מען אונטערריכט אין דעם פרעבעלישען „קינדער־גארטען„ דערציילט וועגען דעם שפיעל מיט דיא קלעצלעך פאלגענדעס:

„פאר אלעס האט דיא לעהרערין דיא קינדער געהייסען איבערציילען דיא קלעצלעך. דיזעס האט זיא געטהאן, אום זיא צו צוגעוויהנען צום פראצעס פון ציילען און רעכנען. נאכדעם האט דיא לעהרערין פון דיא קלעצלעך עפעס אויפגעשטעלט און האט עס ערקלהרט צו דיא קינדער. דאן האט זיא יערען פון זייא געהייסען אליין עפעס מאכען אלע קינדער האבען זיך גענומען צו דער ארבייט מיט דעם גרעסטען חשק, און ווען איינער איז פערטיג געווארען האט ער זיך באלד געבאפט צו געבען איין ערקלעהרונג פון דעם, וואס ער האט געמאכט. דיא יענינע קינדער וואס זיינען ניט אומשטאנדע געווען אויסצודריקען מיט ווערטער, וואס זייא האבען געמיינט, האט דיא לעהרערין אונטערגעהאלפען.

דיזעס ענטוויקעלט אין זייא דיא שפראך, דאס הייסט עס געוועהנט זייא אויסצודריקען מיט ווערטער דאס, וואס זייא האבען אין זייערע געדאנקען. דיא לעהרערין האט ספעציעל געלערנט נאטור־געשיכטע, אום ריכטיג צו קענען פארשטעלען מיט דיא קלעצלעך דיא וואהנונגען און נעסטען פון פערשיעדענע חיות און פויגלען. דיא קינדער זיינען זעהענדיג דיזע שפיעלען, בעקאנט געווארען מיט א פאקט פון דער נאטור־געשיכטע — א זאך וועלכע וואלט שווער געווען זיי צו ערקלעהרען אויף אן אנדערוועג.„

אויסער דיא קעסטעלע מיט דיא פיער־קאנטיגע קלעצלעך האט פרעבעל יעדען קינד געגעבען אנדערע „מתנות„ וועלכע האבען געדיענט צום זעלבען צוועק וויא דיא ערשטע, ווען דיא קינדער זיינען עלטער געווארען, האט ער יעדען געגעבען א קעסטעל מיט וואקס, אדער איין אנדער ווייכע זאך, וואס מען קען קנעטין. דערפון האבען זייא אויסגעקנאטען פיגורען פון פערשיעדענע נאטירליכע געגענשטענדע. דיזעס האט זייא געהאלפען צו פערשטיין ניט נור דיא אויסווייניגסטע פארמע פון בעשעפענעסען וויא אין דעם פאל פון דיא קלעצלעך, זאנדערן אויך דעם צוזאמענהאנג און דיא שייכות, וועלכע עקזיסטירט צווישען איין גליעד און דעם אנדערען.

פרעבעל האט אויך אין קינדער־גארטען איינגעריכטעט א גארטען, אין וועלכען יעדעס קינד האט געהאט איין קליין בייטעלע צו בעארבייטען און אויפצופאסען. דיזעס איז איינע פון דיא בעשעפטיגונגען וועלכע פערשאפען דעם קינד דאס גרעסטע פערגעניגען, און צו דער זעלבער צייט מאכען זייא איהם בעקאנט מיט דיא נאטור פון פלאנצונגען.

דיא נאטור פון קינד, און פון דער אנדערער זייט ענטוויקלען זייא איהר אין איהם. דיא ערשטע זאך וואס פרעבעל האט געטהאן, איז געוועזן. דאס ער האט געזעהען צו האבען אין קינדער־גארטען א סך קינדער, וועלכע זיינען ניט קיין ברידער אדער קרובים. ער האט זייא געגעבען גענוג צייט צו שפיעלען זיך און דיא קינדער זיינען בעפריינדעט געווארען איינע מיט דיא אנדערע. דיעזעס האט אין זיי פיעל מער ענטוויקעלט א ברידערליכען און געזעלשאפטליכען געפיהל. וויא מען וואלט זייא געדורעט אין דיא קעפ, אז מען דארף זיין ברידערליך און געזעלשאפטליך, וייל דורך זייער בעקאנטשאפט און פריינדשאפט איז דער געזעלשאפטס געפיהל אונבעוואוסטערהייט איינגעווארצעלט געווארען אין זייערע הערצער און איז דארום געווען א נאטירליכער, וועהרענד אין דעם אנדערען פאל איז ער בלויז א קינסטליך־איינגעלערנטער.

ווייטער האט פרעבעל איינגעפיהרט אין זיין קינדער גארטען, צו געבען דיא קינדער „מתנות„ וועלכע דאבען פאר זייא געדיענט אלס שפיעלכעלעך, און וועלכע האבען זייא צו דער זעלבער צייט בעקאנט געמאכט מיט הונדערטער פערשיעדענע בעגריפע אהן אירגענד וועלכע אנשטרענגונגען.

איינע פון דיעזע מתנות איז געווען א קעסטעלע מיט אכט פיער קאנטיגע קלעצלעך. וויא שוין געזאגט, ווערען קינדער פעראינטערעסירט אין א זאך. וואס זייא האבען נאך קיינמאל ניט געזעהען, און נאך מעהר ווערען זייא פעראינטערעסירט, ווען זייא קריגען דיעזע זאך אלס מתנה. די אויפמערקזאמקייט אליין מיט וועלכע די קינדער האבען אויף דיעזע קלעצלאך געקוקט, האט אין זיי געשאפען דער בעגריף פון סימעטרי (פראפארציע אין גלייכקייט, אין מאס און אין סדר) — א בעגריף, וועלכע איז אויף איין אנדער וועג אונמעגליך אין קינדער א ריין צו זעצען.

דאס איז אבער נאך ניט אלעס, דער „קינדער־גערטנער„ האט זיך אויך איינגעשאפט אזא קעסטעלע מיט אכט קלעצלעך און ער האט פון זייא צוזאמענגעשטעלט פערשיעדענע פיגורען פון געביידעס און אנדערע זאכען, וועלכע ער האט דיא קינדער געוויזען, און אזוי וויא זייער נאטור איז נאכצוטהאן אלעס. וואס ערוואקסענע מענשען טהוען, האבען זייא גלייך דיעזע פיגורען גענומען נאכמאכען, דיעזעס האט אין זייא ענטוויקעלט ערשטענס זייער ערפינדונגס קראפט און צווייטענס זייער פארשטעלונגס־קראפט. ער האט זייא אויך בעקאנט געמאכט מיט דיא ריכטיגע פארמע פון זאכען. וייל נאכמאכענדיג א געוויסע זאך, מוז דאס קינד גוט אריינגעהמען אין זיינע געדאנקען דיא פארמע פון דיעזע זאך.

איין אמעריקאנער דאמע וועלכע איז שטארק פעראינטערעסירט געווען אין דיא פראגע פון קינדער ערציהונג און וועלכע האט צוליעב דעם ספעשיאל גע־

צוויי יאהר נאכאנאנד האט ער שטודירט פעסטאלאצי'ס ווערק און דאס האט איהם איינגעגעבען חשק אויך צו ווערען א קינדער־ערציהער. מיט דעם גרעסטען אייפער האט ער זיך דאן גענומען צום אויסלערנען דיא נאטור פון קינדער, זייערע געפיהלען און בעגריפע ער איז אריינגעדרונגען אין אלע ווינקע־לעך פון דיא קינדערשע הערצלעך און אין אלע בעוועגונגען פון זייערע נשמות ער האט אויסגעפארשט אלעס, וואס דאס קינד האט ליעב אדער פיינט, אלעס וואס קען איהם אויפרעגען, וואס קען אין איהם ארויסרופען א געפיהל, אלעס וואס קען איהם פערשאפען פערגעניגען, מיט איין ווארט, פרעבעל האט אויסגעלערנט דיא גאנצע נאטור פון קינד אין פערשיעדענע יאהרען און אונטער פערשיערענע אומשטענדען.

ער איז געקומען צום זעלבען שלוס וויא פעסטאלאצי, אז דאס קינד האט א געוויסע עהנליכקייט צו א פלאנצונג און דער לעהרער אדער דער ערציהער — צו א גערטנער.

דער וויכטיגסטער פונקט, וואס פרעבעל האט בעמערקט אין כאראקטער פון אלע קינדער, איז געוועזן זייער אונרוהיגקייט. דיעזע אונרוהיגקייט דריקט זיך אויס אין צוויי פערשיעדענע פארמען: ערשטענס אין קערפערליכע בעווע־גונגען, וויא שטיפען, טאנצען, שפרינגען, א.ז.וו. — בעוועגונגען פון וועלכע דאס קינד האט דעם גרעסטען פערגעניגען, און צווייטענס אין גייסטיגע בעווע־גונגען, וועלכע דריקט זיך אויס אין א בעוואונדערונג און א התפעלות פון יעדע זאך, וואס דאס קינד דערזעהט צום ערשטען מאל, און אין דעם וואונש אלעס אנצוטאפען מיט דיא הענט. דאס קינד ווערט אויך, דורך דיעזע גייסטי־גע בעוועגונגען, געטריבען צו וועלען ענדערן אלעס, וואס ער קען נור — א בוך צו צורייסען, א כלי צו צוברעכען א.ז.וו.

ווייטער האט פרעבעל בעמערקט, אז יעדע נייע זאך מאכט אויף דעם קינד א פיעל שטארקערען איינדרוק וויא אויף א דערוואקסענעם מענשען, ווייל אויך דעם קינד'ס מארך און נערווען זיינען פיעל ווייכער און בייגזאמער, און דאריב בלייבט אין זייא א שטארקערען רושם. דאס קינד האט אויך ליעב נאך צו טהון דאס, וואס גרויסע מענשען טהוען און ווען עס האט א געלעגענהייט, נאכצו־מאכען דיא פיגורען פון פערשיעדענע זאכען וויא הייזער, בוימער, א.ד.ג. חוץ דעם האט פרעבעל בעמערקט, אז קינדער האבען א שטארקערע נייגונג צו זיין צו־זאמען, און אז זייענדיג צוזאמען, ווערען זייא בעפריינדעט און פערראינטע־רעסירען זיך א י י נ ע אין דיא אנדערע.

נעהמענדיג אין אנבעטראכט דיעזע אלע אייגענשאפטען פון קינדער, האט פרעבעל בעשאפען אזעלכע שפיעלען, וועלכע פון איין זייט שטעלען צופריערען

רע, מיינע אויגען האבען גערוהט אויף זייערע, ווען זייא האבען געוויינט, האב איך מיט געוויינט. און ווען זייא האבען זיך געפרייט, בין איך אויך פריילך געווען. זייא זיינען געווען מיט מיר און איך בין געווען מיט זייא: איך האב געגעסען און געטרונקען מיט זייא צוזאמען, קיינער האט מיר ניט געהאלפען, איך האב ניט געהאט קיין אויפפאסערס, קיין פריינד, און קיין דינערס ארום מיר. איך האבע נור זייא אליין געהאט, ווען זייא זיינען געזונד געווען, בין איך געווען אין זייער מיטע, זיינען זיי קראנק געווען, בין איך געווען בייא זייער זייט. איך בין מיט זייא צוזאמען געשלאפען. ביי נאכט האב איך מיך געלייגט שפעטער פון אלעמען. און אין דער פריה בין איך אויפגעשטאנען פריהער פאר אלעמען. ליגענדיג אין בעט, האב איך מיט זיי צוזאמען געבעטען און געלערנט — זיי אליין האבען דאס פערלאנגט„

לעבענדיג אויף אזא אופן צוזאמען מיט דיא קינדער, האט פעסטאלאצי אויסגעלערנט זייערע נייגונגען און זייערע געפיהלען. אזוי וויא דער גערטנער לערנט אויס דיא נאטור פון יעדע פרי און פון יעדען בלום, אום צו וויסען וויא מיט זייא אומצוגעהן.

אין 1801 האט ער ארויסגעגעבען א בוך מיט'ן נאמען „וויא גערטרוד לערנט איהרע קינדער„ אין וועלכען ער האט אויסגעארבייט א פאלשטענדיגען סיסטעם פון קינדער־ערציהונג. דיא כללים, וואס זיינען אין דיעזען בוך ערקלעהרט, זיינען געווען דער פונדאמענט פון דיא נייע מעטהאדען פון קינדער ערציהונג. אלע שפעטערע דענקערס און לעהרערס האבען דיעזע כללים בלויז אויסגעארבייט און ענטוויקעלט. איך וועל זיך ניט אבשטעלען ביי פעסטאלאצים בוך, ווייל דאס איז ניט אונזער ציעל איך וועל נאר איבערגעבען דיא אידעען פון אייגעם, פון זיינע גרעסטע תלמידים.

דער גרעסטער פון פעסטאלאצי'ס תלמידים און איינער פון דיא גרעסטע קינדער־ערציהערס, איז געווען פריעדריך ווילהעלם אויגוסט פרעבעל, וועלכער איז געבארען געווארען אין אבער־ווייסבאך, דייטשלאנד, דעם 21־טען אפריל 1782. אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געווען א וואלד אויפזעהער, און ער האט זיך בעשעפטיגט מיט דיא נאטור פון פערשיעדענע פלאנצונגען און גראזען נאכדעם איז ער אריינגעטרעטען אין יוניווערזיטעט און ער האט זיך גענומען צו נאטור וויסענשאפט. מעהר פון אלעם האט איהם אבער אינטערעסירט דיא מענשליכע נאטור. ער האט דארום איןדער זעלבער צייט, וואס ער האט שטודירט נאטור וויסענשאפט, אויך געלערנט אלעס, וואס האט א שייכות מיט דעם מענשען'ס כאראקטער, נייגונגען, און פערשטאנד.

דער פערצייטיגער דענקער אדער פילאזאף פלעגט געוועהנליך פריהער האבען פאר זיך א פערטיגע אידעע און נאך דיעזע אידעע פלעגט ער זיכער ערקלעהרען דיא נאטור ערשיינונגען, וועהרענד אין אונזער צייט טהוט מען גראדע פערקעהרט — פריהער פארשט מען אוים דיא נאטור־ערשיינונגען וויא זיי זיינען און פון דיעזע פארשונג ערשט ארבייט מען אוים דיא אידעע. דיא פערצייטיגע *קינדער ערציהער* האבען אויסגעארבייט *סיסטעמען*, ניט קוקענדיג אויף דיא *נאטירליכע נייגונג* און *געפיהלען* פון *קינד*.

דיא קינדער ערציהער'ס האבען געוואלט אין דיא קינדערשע קעפ אריינדרינגען זייערע אידעען, זייערע געדאנקען, זיך ניט פרעגענדיג, אויב דאס איז צו געפאסט צו דער נאטור פון דיא קינדער אדער ניט. היינט אבער האבען דיא נייע קינדער־ערציהערס פריהער פון אלעם געזוכט צו פערשטעהען דיא נייגונגען, דעם געדאנקען, און דעם געשמאק פון דיא קינדער, אום נאכדעם אויסצוארבייטען אזא סיסטעם, וועלכער זאל גראדע זיין צוגעפאסט צו דיעזע נייגונגען געדאנקען און געשמאק.

איינער פון דיא גרעסטע פון דיא נייע קינדער־ערציהער איז געוועזען פעסטאלאצי, וועלכער איז געבארען געווארען אין ציריך 1746 אין זיין יוגענד האט ער זיך בעשעפטיגט מיט פערשיעדענע פלענער וויא צו פערבעסערען די לאגע פון דיא ארעמע, צו זיין 22־טען יאהר אבער, האט ער, דורך דעם איינפלוס פון זיינעם א פריינד, זיך אנגעפאנגען צו בעשעפטיגען מיט קינדער־ערציהונג אין דיא צייט ווען דיא פראנצויזען האבען איינגענומען דיא שווייץ, זיינען א סך קינדער געבליבען אהן עלטערען און אהן קרובים וועלכע זאלען אויף זייא אכטונג געבען. פעסטאלאצי האט דיעזע עלענדע קינדער צו גענומען צו זיך אין הויז און האט זיך איבערגעגעבען צו זייער ערציהונג. פון דיעזער צייט פאנגט זיך אן זיין קאריערע אלס קינדער ערציהער, מיט וועלכע ער האט זיך אזוי בעריהמט געמאכט אין דער וועלט. אום זיך צו קענען מאכען א בעגריף, וואס פאר אן ערציהונג ער האט דיא קינדער געגעבען, וועל איך איבער געבען זיינע אייגענע ווערטער:

„איך בין מיט דיא קינדער צוזאמען געוועזען, שרייבט ער, פון פריה מארגען ביז שפעט אין דער נאכט. אלעס, וואס האט געדארפט געטהאן ווערען פאר דיא בעפריעדיגונג פון זייערע גייסטליכע און קערפערליכע בעדערפניסע, איז געקומען פון מיין האנד. יעדע שטיצע, יעדע הילפע אין דער צייט, ווען דיא קינדער זיינען געוועזען אין נויטה, און דיא בעלעהרונג וואס זייא האבען געקראגען, האב איך זיי אליין אהן אירגענד וועמענס הילפע, געגעבען. מיין האנד איז געוועזען צוזאמען־געשלאסען מיט זייע־

דיא קינדער האבען פערשיעדענע געפיהלען און בעגריפע. דער לעהרער מוז אריינדרונגען אין אלע ווינקעלאך פון די קינדערשע הערצעלע אין אלע בעוועגונגען פון זיין נשמה. ער דארף זיך ערקונדיגען וואס דאס קינד האט ליעב אדער פיינט. אלעס וואס קען איהם אויפרעגען, וואס קען אין איהם ארויסרופען א געפיהל, אלעס וואס קען איהם פארשאפען פערגעניגען, וואס קען אין איהם אויפוועקען א לוסט. מיט איין ווארט, דער לעהרער מוז לערנען דיא נאטור פון קינד אין דיא פעשיעדענע יאהרען אונד אונטער פערשיעדענע אומשטענדען ווייל דאס קינד האט א געוויסע עהנליכקייט צו א פלאנצונג און דער לעהרער — צו א גערטנער. אום דיא פלאנצונג זאל געדייהען מוז דער גערטנער וויסען אין וועלכע ערד זיא קען וואקסען און אין וועלכע ניט. וועלכען וועטער זיא קען פערטראגען און וועלכען ניט. ער מוז אויך וויסען וויא פיעל זונ־שיין און וויפיעל וואסער דיא פלאנצונג דארף האבען. מיט איין ווארט, דער גערטנער מוז פריהער פון אלעס קענען דיא נאטור פון דיא פלאנצונג. צו דער זעלבער צייט דארף ער אבער אויך זעהען, אז ארום דיא פלאנצונגען זאלען ניט אויסוואקסען קיינע ווילדע גראזען און דערנער, ער דארף אכטונג געבען אז אין דיא ערד זאלען זיך ניט אריינמאכען קיין ווערים, מיט אנדערע ווערטער הייסט עס אז דער גערטנער מוז אויפפאסען, אז דיא אומגעבונג ארום דיא פאלנצונג זאלען זיין געזונטע. דיא פליכטען פון דעם לעהרער זיינען אויך דיא זעלבע וויא פון דעם גערטנער. פאר אלעס מוז דערלעהרער זעהן צו פערשטעהען דיא נאטור פון דעם קינד.

ער דארף איהם ניט לערנען, ביז ער גיט גוט אכטונג אויף זיינע אויפפיהרונגען און פארשט אויס זיין נאטור, זיין כאראקטער און זיינע נייגונגען. ווידער פון דער אנדערער זייט דארף ער זעהן אז דאס, וואס רינגלען איהם ארום — זיינע חברים, זיין לעבען אין דער היים — זאלען זיין אזעלכע, פון וועלכע ער זאל זיך ניט אפ לערנען קיינע שלעכטע זיטען, אום זיין כאראקטער זאל ניט פערדארבען ווערען. ווייל יעדעס ווארט, יעדע תנועה, יעדע אומגעבונג אין דעם קינד'ס געגענווארט מאכט א געוויסע ווירקונג אויף זיין מוח, צו שלעכטעס אזוי וויא צו גוטעס.

דער לעהרער מוז זיך איבערגעבען צו זיין ארבייט מיט לייב און זעעלע, אום ער זאל האבען א ריכטיגען בעגריף פון דיא פערשיעדענע קינדער וועלכע ער האט אונטער זיין אויפזיכט צום לערנען, און נור דאן, קען ער זיין זיכער מיט א סוקסעס. אט צוליעב דיעזע עהנליכקייט צווישען פלאנצונגען און קינדער האט פרעבעל א נאמען געגעבען דיא שולע קינדער גארטען און דיא לעהרער — קינדער — גערטנער.

# גן הילדים

— אדער —

## דער לעהרער און דער גערטנער

### ח׳

מיר געפינען דאס אונזערע געלעהרטע האבען פערגליכען דיא לעהרער צו גערטנער און דיא שילער צו פלאנצונגען: אמר ר׳ חנן שתולים בבית ה׳ אלו התינוקות שהם בבית הספר 1 * ר׳ חנן האט געזאגט: דיא קליינע קינדער אין דער קינדער שוהלע זיינען געגליכען צו פלאנצונגען. כגנות עלי נהר, אלו מלמדי תינוקות שבישראל, שהם מוציאים מלבם חכמה ובינה דעה והשכל ומלמדין להתינוקות לעשות רצון אביהםשבשמים 2 * דיא קליינע שיללער מיט זייערע לעהרער זיינען געגליכען צו א גארטען מיט פערשיעדענע פלאנצונגען אין א פרוכטבארן פלאץ, אונטער דיא אויפזיכט פון א גוטען גערטנער.

אזי וויא דער גערטנער וועלכער, לערנט אויס דיא נאטור פון יעדען פלאנ־צונג, פון יעדער פרי און פון יעדער בלום: אזוי מוז אויך דער לעהרער לערנען און שטודירען דעם כאראקטער, נייגונגען, געפיהלען און פערשטאנד פון יעדען קינד בעזונדער. אשר פריו יתן בעתו — אלו התלמידים של אדם 3 * דיא שיל־לער פון דעם פעהיגען לעהרער זיינען אזוי וויא דיא צייטיגע פרוכט אין סיזאן.

---

1 * מדרש ש״ט, צ״ב.

2 * תבא, ילקוט בלק, עיין יא׳ ערך רב ותלמיד אות נ״ז.

3 * מדרש ש״ט א׳.

תהלתי יספרו וראויין הם להמנות במנין העדה להתפלל וראוין הם להפקד במנין הפרושים. ויקח האב את בנו הפרוש וימשיכהו בדברים טובים, אשריך שזכית למלאכת הקדש, ויכניסהו אל הבית הקבוע לפרושים, וחובת הפרישות אינו חל על הנער עד שיגיע לי״ו שנה 8 * ויביאו אותו לפני ראש הישיבה ויסמך ידיו עליו לאמר, זה קדש לה׳, ויאמר לבנו אני מצוך הנה את אשר תאכל בביתי כי לתלמוד תורה הקדשתיך, ויישב שם ז׳ שנים ללמוד מסכתות גדולות. גם אמרו חכמים לא המדרש עיקר אלא המעשה, ועוד, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים, פירש דרשו חכמים אלה הדברים על ההמון כדי להמשיכם אל האמונה ואל היראה. וסמך לדבריהם ועתה ישראל מה ה׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו׳ מפני שהעם רדופים במלאכתן על כן די להם בקבלת האמונה אבל הפרושים יכולין להתחתן בשתים, במדרש ובמעשה, וגם ראשי הישיבות יתנו שיעור לתלמודם, סדר מועד לשתי שנים, סדר נשים לב׳ שנים, סדר נזיקין לב׳ שנים סדר קדשים לב׳ שנים והכל מתלמוד גמרא בין יהיו קבועים למדרש הפשט בין יהיו קבועים למדרש התוספות, ואל יתעכבו ראשי ישיבות בתפלת השחרית בבית הכנסת עד גמר תפלה רק עד קדושה רבה, מפני שיהיה שהות לתלמידים לחזור תלמודם.

כליק ספר חוקי התורה

בריך רחמנא דסייען.

---

8 * כלומר מי״י חובה ומי״ג עד י״ו רק רשות.

השביעי שבת לה' אלהיך פירש לשם ה' כי לשון מנוחה שייך אצל האדם שהוא עייף ויגע מעסקיו, וזאת המדה אינו אצל הבורא יתברך שמו, דכתיב לא ייעף ולא ייגע אין חקר לתבונתו. על כן פירש לה' לשם ה', לעסוק במלאכת הקדש לדרש בתורת האלהים ולהרים מכשול מתוך הקהל ולהרבות זכות וצדק עליהם להדריכם בדרך ישר, וכך משפט הגדולים הקרובים למלכות *6 לעסוק בעבודת המלך בששת ימי המעשה וביום השביעי יעסקו בתורה, ויזכרו דברי אלהים חיים לקיים כמו שנאמר למען תהיה תורת ה' בפיך לכל הפחות יום אחד בשבוע, ונאמר לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה.

---

## ג'

כיצד מלמדין את הנערים וכיצד נוחלין למלמדים שיעור עלי תלמודם:

אמרו חכמנו ז"ל בן חמש שנים למקרא. אדם נותן בני לתלמיד תורה ביד המלמד כבן חמש שנים בראש חדש ניסן שהוא כשר לכל דבר, כאשר אמרו חכמנו ז"ל מוציא אסירים בכושרות זה ניסן שהוא כשר לכל דבר, לא קר ולא חם, ואומר למלמד בפירש שיעור התלמוד, יוודע לך שתלמד לבני בזה החדש הכרת האותיות ובחדש השני הניקוד ובחדש שלישי צירוף האותיות במלות ומכאן ואילך יבוא טהור ויעסק בטהרות בספר ויקרא, ואם לאו תתפרע כפועל בטל 7* ובכל חדש וחדש תוסיף לבני אם ילמוד בני החדש הזה חצי סדר ובחדש אחר גמר הסדר ומתמוז ועד תשרי ילמוד הסדר עברי שלם בכל שבוע. ומתשרי ועד ניסן לעז. והיא שנת ששי לנער. ובשנה השנית שהיא שנת שביעית לנער ילמד תרגום במכתב ולא על פה וילעיז התרגום כמו העברי ובשמינית ותשיעית נביאים וכתובים.

אמרו חכמים בן עשר למשנה אז יכניסו הנער בגמרא מסכת ברכות ומסכתות קטנות הכתובות בסדר מועד ג' שנים. ובשנה הרביעית קדש לה' שהוא י"ג לנער. אמרו חכמים בן י"ג למצות וסמך לדבריהם עם „זו„ יצרתי לי תהלתי יספרו, זו בגימ' י"ג פירש כאשר יגיעו עמי למנין זו אז

---

6 * פה הכונה על אותם האנשים שהיתה להם התמנות או עסק אצל הממלכה ובאלה היו תמיד בצרפת, כר' נתן אופיציאל ואחרים ובכל זאת חשבו להם לחוב ולכבוד להאיר לפני אחיהם את דרך התורה וההכמה (רשב"ם ור"ת בחתימתם על תקנה הנמצאה בשו"ת מהר"ם סימן ע"ח): „ואנחנו החתומים מבקשים כל קרובים למלכות„

7 * עיין חשן משפט סימן של"ג-של"ד ושל"ה.

נערים ללמוד תורה וליקח בזכותו ק׳ ליטרין *5 ומשכיר להם עשרה מלמדים בשמונים ליטרין. ועשרים ליטרין הנותרים יהיו לחלקו, ולא ילמוד הוא שום נער, אך יהיה הוא שוטר ומשגיח על המלמדים לתת להם שיעור עלי תלמודם, ומשכיר להם בית גדול ללמד יחדרים יבעליות. וכל נער ונער יתן חלקו בשכירות הבית הזה, וזה הבית נקרא מדרש קטן, וישבו שבע שנים, שתי שנים חומש, ושתי שנים נביאים וכתובים, ושלש שנים מסכת קטנים, וילכו לבית המדרש הגדול העומד אצל בית הכנסת ללמד מסכתות גדולות לפני ראש הישיבה וישבו עמו שבע שנים כחק הפרושים.

---

ז.) ועוד תקנו ראשי ישיבה בלתי שרים פירש אם יהיה לפני ראש הישיבה ארבעים תלמידים יעמידו לפניו ארבעה מתורגמנין, אחד לעשרה תלמידים. ובצאת ראש ישיבה בבקר מבית הכנסת יבא בבית המדרש בלי הפסק. פירש שלא ידבר בנתים ויפרש ההלכה כמשמעותה, והמתרגמנין יקבלו שטתו על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, וכשישלים הרב מלפרש יצאו המתרגמנין והתלמידין מלפניו. וילכו בחדריהן ועליותיהן וכל מתרגם ומתרגם יבאו לפניו עשרה תלמידים המוטלים עליו ויחזר ההלכה לתלמידיו פעמים וילכו לאכול. וכאשר יעמדו מעל שלחנם יחזרו ההלכה פעם שלישית וישובו וישבו לפני הרב, והרב יפרש להם ההלכה אחרת ויצאו מלפניו כמשפט הבקר ויחזרו ההלכה פעמים. ואם יש להם שעות ביום יחזרו ההלכה של בקר וההלכה של ערב ביחד, ויעמד החק הזה מניסן יעד תשרי. ובחרף כמו כן יפרש הרב שחרית כאשר בארנו ופעם אחרת בצאתו מבית הכנסת בלילה, ויצאו מלפניו ויחזרו ההלכה פעמים טרם יאכלו, ואחר גמר השלחן יחזרו ההלכה פעם שלישית ויחזרו הלכת בקר והלכת ערב ביחד וילכו לישן. ואם ירצו התלמידים לחזר תלמודם כל הלילה הרשות בידם. אמרו חכמנו ז״ל אין רנה של תורה אלא בלילה שנאמר יומם יצוה ה׳ חסדו ובלילה שירה עמי, ואומר נותן זמירות בלילה.

---

ח.) ועוד תקנו חכמים אל זקני העדה לעסק בשבת במלאכת הקדש לדרוש תורת האלהים להסיר מכשול ולהרים המוקש, כדי שיהיו נזכרים מדברי אלהים חיים, וכן דרשו חכמנו ז״ל ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום

---

*5 ערך המטבע עיין צונץ צור געשיכטע 562.

ויבאו לידי קרי, וצריכים לדבר דברי תורה בטהרה. וראשי ישיבות לא יקבלו לפניהם בעלי בתים, לפי שאין תלמודם עיקר מפני מחשבות עסקיהם לבר תלמידים שאין להם עול בית, כדי שיהא להם עסק ל מ ד ר ש. ויעמידו מתורגמנין לתרגם ההלכה פעמים אי שלש עד שתהא ש ג ו ר ה בפיהם.

---

ד.) ועוד תקנו ראשי ישיבות בלתי שריב (?) פירש אם יהיה לפני ראש הישיבה ארבעים תלמידים יעמידו לפניו ארבעה מתורגמנין, אחד לעשרה תלמידים. ובצאת ראש הישיבה בבקר מבית ה כ נ ס ת יבוא בבית ה מ ד ר ש בלי ה פ ס ק פירש שלא ידבר בנתים, ויפרש ההלכה במשמעותה.

---

ה.) תקנו קדמונים ז"ל להקדיש הבן הבכור בעודו בבטן אמו, וסמך למנהג בטרם אצרך בבטן ידעתיך ובטרם תצא מרחם הקדשתיך. וזה פירש אשר קדש ידיד 3 * מבטן וזה היה אברהם, דדרשינן ידיעה, כתב לגבי ירמיה. בטרם אצרך בבטן ידעתיך ולגבי אברהם כתב כי ידעתיו למען וגו' כלומר כבר, מה להלן נקדש בבטן אף הכא נקדש בבטן, ומקבל עליו ואומר אם תלד אשתי זכר יהיה קדש לה' ובתורתו יהגה יומם ולילה, והיה ביום השמיני אחר שנכנס לברית מילה מושיבין הילד עלי מצעות, וחומש התורה על ראשו 4 * ויברכוהו זקני הקהל או ראיש ישיבה, וכן יברכוהו ויתן לך האלהים מטל השמים עד מברכיך ברוך ויסמוך ראש הישיבה ידו עליו ועל החומש ויאמר ילמד זה מה שכתוב בזה ג"פ, יקיים זה מה שכתוב בזה ג"פ, תהיה תורת ה' בפיך, לא ימוש ספר התורה הזה מפיך וגו'. ויעשה האב משתה ושמחה על הברית ועל הפרישות דכתיב שם גבי חנה וישב שם עד עולם.

---

ו.) ועוד תקנו על המלמדים יהיה מלמד חשוב מקבל מאה תלמידים

---

3 * „ידיד„ (אשר קדש ידיד מבטן) היסוד לבאור הזה לר"ת עיין תוספות מנחות דף נ"ג עב'.

4 * להנית חומש למראשותיו של הילד, כשמברכים אותו אחר שנכנס לברית מילה נמצא בספר חסידים סימן התשס"·

# ב

---

א.) תקנו קדמונים ז"ל לקנות בית המדרש 1 * אצל בית הכנסת לחבר שתיהם יחד, מקום לתפלה ומקום לתלמוד, על פי מדרש ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלהים בציון. ויהיו מקומות הפרושים בשכירות, וכל פרוש יתן חלקו בשכירות הבית כאשר הם נותנים בשכירות הרב והמתורגמן 2 * ואותו הבית קנוי מהקדש הקהל, אך בשכירות הוא עומד לפרושים ולעשירים והשכירות לראש הישיבה או לפרעון המתורגמן.

---

ב.) ועוד תקנו לקבוע מדרש לפרושים בעיר שעיקרה במלכות, וכל הקהלות אשר סביבותיה תשלחנה נדבות בכל שנה ושנה לעזרת המדרש, לפרנס את התלמידים ולפרוע את הרבנים והמתורגמנין, ו א ו ת ו  מ ד ר ש  נ ק ר א  מ ד ר ש  ה ג ד ו ל, א ש ר ממנו יוצאים חקים ו מ ש פ ט י ם בישראל.

---

ג.) ועוד תקנו על ראשי ישיבות שלא יקבעו בית המדרש בבתיהם רק בבתי הפרושים, פן יהיו מצויין אצל נשותיהן תמיד, ויעמדו שם כל ימי השבוע ובערב שבת יחזרו לביתםושמחים עם נשותיהם ואנשי ביתם. ובמוצאי שבת חוזרין בבתי הפרושים, והיו להם חליפות שמלות, האחד ל ו ב ש י ם בבתיהם והאחד לשרת בקדש בבית המדרש. וכל זה פן יהרסו בערות דבר

---

1 * במובן „מדרש גדול„ הנזכר בסעיף שאחר זה כי התקנה על דבר „מדרש קטן„ מקומה להלן סעיף ו'.

2 * קאי על העשירים שבהם, כאמור להלן בפירוש.

יב.) חק שנים עשר על המלמדים שלא יעשו שום מלאכה ולא סופרות במעמד תלמודם.פן יבטלו מתלמוד ולא יוכלו למלאות חקם. ויהיו נקיים מאמנתם שהם חיבים לעשות מלאכת שמים באמונה. ומשפט עסק המלמדים כפי חכמתם ועל פי השוטרים הממונים על עבודתם.

סליק.

תרגום 6 * שנים מקרא בשביל חביבות התורה, כי כל דבר שהוא חביב יקרא שנים, ואחד תרגום להשמיע לנשים ולעמי הארץ דברי תורה אולי יכנס היראה בלבבם. וכן מנהג צרפתים לקרא הסדר שנים מקרא ואחד לעז בלשון בני המדינה.

---

ח.) חק שמיני ללמוד לנערים תרגום בלעז על המכתב 7 * למען ירוצו בגרסת התלמוד ויהיו נוחים להכנס בהלכה, ולא יצטרכו המלמדים לטרוח על התינוקות אלא בסוגיא ולא במשמעות מתוך שהורגלו במשמעות התרגום.

---

ט.) חק תשיעי על המלמדים להרגיל הנערים לשאל זה מזה בכל יום לעת ערב, שיתחדדו ויהיו מפולפלים ויתגדל בהם הדעת, שנאמר ברזל בברזל יחד ואיש יחד פני רעהו, ועל כן יתביישו זה מזה הנערים על שלא ידעו להשיב זה לזה כהוגן מאימת המלמד.

---

י.) חק עשירי על המלמדים להחזיר לנערים בששי בשבת מה שלמדו בשבוע זה ומה שלמדו בשבוע שעבר ובראש חדש יחזרו מה שלמדו בחדש זה ובחדש שעבר, ובתשרי יחזרו מה שלמדו בקיץ ובניסן יחזרו מה שלמדו בחרף, פן ישכחו דבר, ויהיו זכרנים יותר, וכן שנינו 8 * השוכח פרק אחד או הלכה אחת עובר בשני לאוין, על השמר לך ושמר נפשך מאד, פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך ופן יסורו מלבבך כל ימי חייך והודעתם לבניך.

---

יא.) חק אחד עשר על המלמדים ללמד הנערים בלילי חרף מראש חדש מרחשון עד ראש חדש ניסן רק רביעות לילה, כי ימי החרף קטנים הם וכל נער ונער יתן חלקו לשמן המאור.

---

6 * תוספות ברכות דף ח' עא'.

7 * פה הכונה במלה זו כתבי הקודש, ובסעיף הקודם באה במובן סתם דברים הכתובים בספר.

8 * במשנתנו (אבות ג' ח') גירסא אחרת כאן.

על כן המלמדים לא ילמדו בבתיהם רק בבית המדרש לשם מצוה, ושם הבית נקרא מדרש קטן *4 וזה המשגיח על המלמדים. ואם יראה המשגיח בתוך הנערים נער קשה ואטום, יביאהו לאביו ויאמר לו: השם יזכה בנך למעשים טובים, כי לתלמוד תורה הוא קשה מאד, פן ילכו הנערים הפקחים בשבילו אחורנית, ולא יקח מעותיו בחנם פן יחשב לגזלן ושמא ילך הנער אצל מלמד אחר ויצליח שם לפניו.

---

ו.) חק ששי שלא יקבלו המלמדים יותר מעשרה תנוקות בעניין אחד. ואף על פי שאמרו חכמים מקרי דרדקי עשרים וחמישה, דווקא בארץ ישראל דאוירא מחכים ובזמן שישראל שרוין על אדמתם וידם תקיפה, כי נפש החפשית היא גבוהה וחזקה וזכה וצלולה ויכולה לקבל שכל ומדע על שאינה משועבדת לזולתה, ונפש אשר משועבדת היא שפלה וחלשה ויבשת ואינה יכולה לקבל שכל ומדע, על שהיא משועבדת לאדונים קשים ועזי פנים, וכל יגיעה ועמלה הולך לאיש אשר לא עמל בו, טרודה בהתמד בעבודות קשות, ומפילין עליה אימה ופחד, והחמה מסלקת החכמה. *5 על כן נזהרו המלמדים שלא לקבל לפניהם למעלה מעשרה תינוקות, וסמך לדבר אלהים נצב בעדת אל, ועדה עשרה (בדילפינן) מבכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך „אבוא„ בגי' עשרה. וכאשר עשו חכמים חיזוק וסייג לדבר תורה כן עשו הגאונים סייג בכל דברי חכמים.

---

ז.) חק שביעי על המלמדים שלא ילמדו הנערים בעל פה כי אם במכתב, למען ילעיזו להם התרגום על המכתב כמו שלועזין העברי להיות נוחין בגרסת התלמוד ולהכנים בהלכה. ותרגם אונקלוס התורה בלשון ארמית מפני בני בבל שהיו מדברים בה, כדי להשמיע תורה להם בלשונם. וכן פירש רב סעדיה גאון זצ"ל התורה בלשון ערבי כדי שיבינו, מפני שלא היו מבינין בלשון הקודש. ונהגו חכמים תלמידי ראש גולה לקרא הסדר בשבת שנים מקרא ואחד

---

*4 להבדילו מן הישיבה. זה „המדרש הגדול„ הנזכר למעלה באות ב' ע"ד המדרש הקטן כונתו שיהיה, כמובן, בכל עיר ועיר, ולא בעיר הבירה בלבד.

*5 הדברים האלה, על אדות היחס שבין ההשכלה והחרות, בודאי צודקים מאד, ויחד עם זה כוללים גם קובלנא מלאה מרירות מצד ההיסטוריא העברית על ימי הבינים.

בלי הפסק, להוציא רבים ידי חובתם מתלמוד תורה, ולא תהיה מלכות שמים נסוגה אחורנית. פרושים הם תלמידים המקודשים לתלמוד תורה, ונקראין בלשון משנה פרושים ובלשון מקרא נזירים, שנאמר ואקים מבניכם לנביאים ומבחוריכם לנזירים. והפרישות 1* מביאה לידי טהרה שנאמר והתקדשתם והייתם קדושים, ואומר וטהרו וקדשו.

---

ג.) חק שלישי על הפרושים שלא יצאו מן הבית עד שבע שנים, ושמה יאכלו וישתו ושמה ישכבו, ואל ידברו במדרש דברים בטלים, ואין חכמה נכללת בתלמיד הנכנס ויוצא, לבד במי שממית עצמו באהלי תורה, שנאמר זאת התורה אדם כי ימות באהל, וכל המספר בדברים בטלים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות עובר בעשה, שנאמר ומקדשי תיראו. וכאשר יקדיש אדם אחד מנכסיו לשמים, כך יקדיש אחד מבניו לתלמוד תורה, ואם יצאו הפרו־שים מן המדרש קודם שבע שנים, יפרעו קנס ידוע. וסמך לדבר ותופשי התורה לא ידעוני, מלמד שהיו אוסרין עצמן ל ד ע ת חקי ה א ל ה י ם ותורותיו.

---

ד.) חק רביעי לגבות מכל ישראל יב״פ 2* בשנה לעבודת המדרש 3* במקום מחצית השקל שהיו אבותינו מביאין לעבודת בית המקדש ולצורך הקרבנות. כן אנחנו חייבין להביא נדבה לעזרת המדרש מדי שנה בשנה לפרנס התלמידים ולפרוע הרבנים והמתרגמנים ולקנות ספרים. ו כ א ש ר הקרבנות מביאין שלום בעולם כך תלמידי ח כ מ י ם, שנאמר וכל בניך למודי ה׳ וגו׳, ונאמר ש ל ו ם רב לאוהבי ת ו ר ת ך ואין למו מכשול וגו׳.

---

ה.) חק חמישי להעמיד משגיח על התלמידים, לתת שיעור על תלמודם ולראות פקחות הנערים ועצלנותם, כי המלמדים דומים לפועלים השואפים תמיד כי ינטו צללי ערב. וזה המנהג כשר לקיים והייתם נקיים מה׳ ומישראל.

---

1* הוא מפרש שם „קדושה„ כמובנת המקורי, שזו פרישות. ע״ד השם „פרושים„

2* ר״ת שנים עשר פשוטים. ע״ד ערך המטבעות בימים ההם עיין צונץ, צור געשיכטע 540

3* עיין ב׳ ב׳.

# חקי התורה

## ז׳

זה ספר חקי התורה הקדמונים. לכבוד התלמידים והרבנים, אשר גבלו ראשונים. אלה החקים והמשפטים והתורות, להבין ולהורות, אמרות ה׳ אמרות טהורות. אשר תקנו אנשי שכל הראשונים, יראי השם בהסכמת הגאונים. על אודות התורה, להכין אותה ולסעדה, להרבותה. בישראל וביהודה ויקבלום בני יעקב איש תם, לחק עולם לדורותם.

## א׳

**א.)** החק **הראשון** על הכהנים והלוים להבדיל אחד מבניהם להקדישו לתלמוד תורה, ואפילו בעודו בבטן אמו. כי כן מצוים מהר סיני, דכתיב כי נתונים נתונים המה לי, כלומר מבטן אמם וכתיב יורו משפטיך ליעקב, ונאמר ואת עמי יורו דעה, ונאמר כי שפתי כהן ישמרו דעת. וכל בני ישראל כמו כן יבדילו מבניהם, כי כן הפריש יעקב, דכתיב וכל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך בשתי מעשרות הכתוב מדבר, במעשר ממון ובמעשר בנים. וכן אמר יחזקאל. וגם את בניהם אשר ילדו לי העבירו להם לאכלה, מלמד שהיו מקדשין מבניהם ל ת ל מ ו ד ת ו ר ה מבטן אמם, י ל ד ו ל י פ י ר ש לשמי.

---

**ב.)** חק שני לקבוע מדרש לפרושים המקבלים עליהם עול תורה **אצל** בית הכנסת, ואותו בית נקרא מדרש גדול, כי כאשר מעמידין חזנים להוציא רבים ידי הובתם מן התפלה, כך מעמידין תלמידים קבועים להגות בתורה

אין דיעזען קאפיטעל האבען מיר געבראכט דיא מעטהאדע פון מיטעל־אלטער וואס זייא האבען בענוצט אין זייערע קינדער שוהלען און ישיבות. אין דעם קומענדען קאפיטעל וועט דער לעזער געפינען דעם סדר הלמוד אין דריי קאפיטעס, וועלכע ענטהאלטען דיא רעגעלען פון זייער שטודיום אין יענער צייט. שוין דאן אין דרייצעהנטען יאהר הונדערט האבען זייא געהאט א פאל־שטענדיגען מאדערנעם סיסטעם אין לערנען. אנפאנגענדיג פון חדר ביז דעם בית המדרש.

ארויסצונעמען דעם לייטער פון אונטער דעם אידענס פוס. דיא ליכטיגע זאננע איז פון איהם פארשטעלט געווארען און דיא פרוכט פון גאנצען ערד קוגעל איז געווען פאר איהם פערבאטען, מען האט געזוכט איהם פערקריפלען קערפערליך און גייסטליך, מען האט געזוכט אפצושוואכען זיינע מוסקעלען און אויסטריקענען זיין מארך.

אבער אלע אנשטרענגונגען און אינטריגען, אלע פערשווערונגען און פערפאלגונגען האבען דעם אידען ניט געקענט בעזיעגען אדער אפשוואכען איהם. דער איד איז געבליבען איד. ער האט ניט אפגעטראטען פון זיינע מנהגים, פון זיינע גוטע זיטען, ער האט געזעהען זיין גליקליכע וועלט אין זיין הויז, אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע און האט זיך אפגעגעבען מיט דיא אידישע ערציהונג פון זיינע קינדער.

עס איז געווען אין דיא צייטען ווען דיא פעלקער האבען אנגעווענדעט אלע קרעפטען צו לערנען אידען זייערע זיטען, זייער גלויבען און זייער ציוויליזאציאן, זייא האבען צוגעשלאסען דיא אידישע שוהלען, האבען פארוועהרט צו לעהרנען זיין תורה. האבען פערבאטען זיינע מנהגים אום ער זאל זיך מיט זייא צומישען, אום ער זאל פערטהיילען אין זייער קערפער אלע מעלות וועלכע זיינען נאר זיין אייגענטהום. זייא האבען אנגעווענדעט אלע מעגליכע מיטלען, אבער דער איד איז געבליבען בייא זיין אידישקייט, אויף להכעים האט ער זיך פון זייא געהאלטען וויט, אויף להכעים האט ער ניט פערלארען זיין אידישען געפיהל, אויף להכעים איז ער געבליבען נור בייא זיין איינציגען *גאט* און האט *ערצוינען* זיינע *קינדער* אין תורה און מעשים טובים.

אין פינסטערען גלות, אין דיא ערגסטע פערפאלגונגען האבען אידען געהאט זייערע בתי מדרשים זייערע גאונים זייערע קינדער שוהלען, זייערע לעהרער און זייער חשק צום לערנען. ישראל און דיא תורה זיינען אימער געווען און געבליבען איין זאך. האט מען איהם געטריבען האט ער מיטגענומען זיין תורה, האט מען איהם געשלאגען האט ער זיך בעהאלטען אין ארון הקודש האט מען איהם געברענט האט ער גענומען מיט זיך זיין תנך׳ל אין פייער, פון זיין תורה האט ער זיך ניט אפגעריסען, און פון דער אידישער וויסענשאפט האט ער זיך ניט אפגעטהיילט, אט דיעזע ליעבע צום לעהרנען, דיעזע אייניגקייט מיט דער שוהל האבען איהם געמאכט פאר א פעלזענשטיין, וועלכער איז אויסגעשטאנען אלע אינטריגען און אלע פערפאלגונגען אין דער גאנצער וועלט, און דיא אידישע קינדער־ערציהונג האט איהם געמאכט אלס דער ריכטיגער יורש פון דעם אלטען אונשאצבארען אוצר—דיא תורה.

נעקויפט א גרויסען נאמען און האט זיך געשעצט גליקליך מיט זיינע גייסטיגע אוצרות וואס ער האט ערוואָרבען *18

אט דיעזע צייט, דיא צייט פון דיא „בעלי התוספות„ איז געוועזען א זעלטענע גייסטרייכע צייט פאר דער אידיישער נשמה, און אט אזוי וויא אין דיא זיבען זאטע יאהר האט מען אויך אין דיעזער צייט אנגעגרייט גאנצע אוצרות פון גייסט צו שפייזען דעם אידענ'ס נשמה פאר הונדערטער יאהרען. מען האט ערצויגען דיא קינדער פאר תלמידי־חכמים, ניט נור דיא, פון וועלכע מען האט ערוואַרטעט עס זאָלען אויסוואַקסען רבנים, נור אַלעמען, אהנע אויסנאהמע.

דיא וועלכע זיינען געוועזען בעהיג צו לערנען און זיינען נאכהער געוואָרען רבנים, האט מען געהאַלטען פאר דיא גליקליכסטע פון פאָלק. דיא גאנצע פאַמיליע, דיא וויטעסטע פריינד האבען מיט אידם שטאָלצירט. און זאגאר דיא וועלכע זיינען ניט געוועזען אימשטאנדע דורכצומאכען דעם גאנצען שטודיום זיינען אויך געוועזען ביז א געוויסען גראד געבילדעטע מענער, יעדער נאָך זיינע פעהיגקייטען.

דיא רבנים און דיא לומדים האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע קענטניסע אבער אויך מיט זייערע גוטע טהאטען. זייא זיינען געוועזען דיא ערענדליכקייט זעלבסט, מיט זייער פאמיליע לעבען, זיטליכע ריינהייט, בעשיידענהייט און זאנפטמוטה זיינען זיי געוועזען א מוסטער פאר זייערע שילער. אט דיעזע אלע אייגענשאפטען האט זייא געקריינט אלס די ארעליגע דיא העכסטע פון פאָלק, דאס פאָלק ווידער האט זייא געעהרט, און געשטרעבט צו ערציהען זייערע קינדער דעכסט מאראליש, אידיש, אין תורה און חכמה אום זייא צו מאכען פאר לומדים.

פינסטערע פאנאטיזמוז האט דאן בעדעקט דיא ערד. א שווארצע חמארע פון יודענהאס האט איינגעוויקעלט אלע פעלקער. איבעראל האט מען געזוכט

---

18 * ספר הישר דף פ"ח עמוד ד': „שנתוספו לפני רבנו שמואל„ ספר תמים־דעים סימן מ': פסקי איסור והיתר שכתבתי לפני ר' משולם. ועי"ש סימן י"ד וסימן רמ"ח: ספר הישר סימן תקצ"א (כ"ת—7— 32) „שמא אין בידו תוספות הרב יוסף שפירש בחן אחי„ ; מהר"ם מרוטבורג הל' שמחות סי' ב"ח: „וכן מצאתי בתוספות ריב"ם שפירש לפני ר' יצחק בר אשר„ ; אור זרוע ח"ב דף י"ז סימן ל"ח: מצאתי בליקוטיו שכתבתי בשם ריב"א; שם: „וזה לשון תוספות שנכתבו לפני ריב"א„

אין אלגעמיין האט מען פערלאנגט פון דיא שיללער אז זייא זאלען ארויס זאגען זייער מיינונג קורץ און שארף, ניט צו פיעל דיסקוטיערען אין פערקער־טע ריכטונגען 15 *

דער שיללער וועלכער איז געוועזן ערפאלגרייך אין זיין לערנען און האט פארגעזעצט זיין שטודיום ביז ער איז געקומען צו דער שטופע אז ער זאל פערשטעהן א סוגיא אין תלמוד, האט צונויפגעזאמעלט דיא פערשיעדענע מסקנות הגמרא, דיא פערשיעדענע ענינים פון דעם זעלבען אינהאלט וועלכע ווערען גע־בראכט און פערהאנדעלט אין פערשיעדענע שטעלען, האט עס פערשריבען, גע־בראכט אין ארדנונג און האט עס בראשירט 16 *

דיא שיללער פלעגען וואנדערען פון־איין ישיבה צו דער צווייטע, דארום איז געווען איינגעפיהרט אין אלע ישיבות אז מען זאל אנהויבען א נייעם מסכת דעם ערשטען טאג פון מאנאט. ערשטענס אום דיא ישיבה לייט זאלען וויסען דיא בעשטימטע צייט ווען מען פאנגט אן א נייע מסכת און אנפאנגען מיט אלעמען גלייך: צווייטענס, וייל דער ערשטער טאג פון מאנאט האט מען גערעכנט איז א מזל'דיגער טאג אנצופאנגען 17 *

אלענפאלס קען מען דערפון שליעסען, אז דער סיסטעם פון לערנען איז דאן געוועזען, ניט צו לערנען נור דיא „שיטות„ פון דער מסכת, נור פון אנ־פאנג ביז ענדע. דיא ארעמע שיללער פלעגען עסען בייא דעם ראש ישיבה אדער דיא מ י ט ג ל י ע ד ע ר פון דער ק ה ל ה האבען זייא אויס־געהאלטען.

—

וויא געזאגט דיא שיללער פלעגען זאמלען דיא פערשיעדענע מיינונגען און בעמערקונגען וואס זייא האבע געהערט אין דיא ישיבות, דער שיללער וואס האט געהאט מעהר זאמלונגען איז געווען מעהר געאכטעט, ער האט זיך דערמיט

---

15 * שם סימן תרל"ב דף ע"ח עמוד א' אומר ר"ת על עצמו: דרכי להקשות להעמיד שמועות ישרות, ואיני עושה שנוויקי„ ושם בסימן תקפ„ו (עיין כרם חמד —7— 24) הוא מתרעם על אחד המפרשים ומסיים: אך אמרתי כי אחד מן המפלפלים היה.

16 * קובצים כאלה נמצא אצל מהר"ם מרוטבורג, שקבל תלמודו מרבותין בצרפת בשו"ת סימן תס"ט „שבעה ענינים בספין„ וכו', בסימן תתק"ך: „אלו פסולין לעדות„ וכו', בסימן שב"ח „בעניני איסור נאמנות יש י"ד חלקים„ וכן בספר הישר לבבא בתרא סימן קע"ט: „חמש מדות בערבות„

17 * סמ"ק סימן קל"ו: ומה שנהגו ק ד מ ו נ י נ ו להתחיל המסכתות בראש חדש, זהו להמתין ה ב ח ו ר י ם ה ב א י ם מחוץ לעיר, ואף לסימן טוב.

דיא שילער האבען ניט געהאט קיינע געדרוקטע ספרים ווי מיר האבען עס יעצט, זייא האבען געמוזט לערנען פון מאנוסקריפטען אין כתב יד, רעריבער פלעגט פיעלע מאל טרעפען אז דער נוסח פון שטודיום פלעגט פערענדערט ווערען, מאנכעס מאל אויך פערדערבט ווערען. דער הויפט שטודיום איז געווען פעסט צו שטעלען דעם ריכטיגען טעקסט. מען קען זיך פארשטעלען וויא שווער עס איז געווען פאר'ן שילער, וויא אויך פאר דעם לעהרער דורכצומאכען דיא פערשיעדענע רעבאטען פון דער גמרא ניט האבענדיג פאר זיך קיינע ספרים.

אין דיעזע שוועריגקייטען איז אבער אויך געוועזען א גרויסע מעלה, דאדורך וואס דער שילער זעלבסט האט געבראכט אונטערשיידען צווישען דעם ריכטיגען און ניט ריכטיגען טעקסט, האט זיך ביא איהם ענטוויקעלט די פעהיגקייט פון דענקען. ער האט געמוזט בענוצען זיינע געהירען צו וועגען יעדען געגענשטאנד מיט דער וואגשאל פון זיין אייגענעם פערשטאנד, אין דער אנדערע זייט איז אבער אויך געווען א גרויסער חסרון, עס האט זיך ענטוויקעלט ביא דיא שילער א לוסט צו „פערריכטען„ צו עס איז געווען נויטהיג צו ניט, יעדער האט געוואלט איבעראנדערשען דעם טעקסט נאך זיין געשמאק און נאך זיין פערשטאנד.

זעלבסט פערשטענדליך, זיינען ניט אלע געווען דערצו פעהיג. פיעלע האבען אנשטאט פערריכטען נאר פערגרייזט דעם טעקסט. דער רבנו־תם האט דערויף זעהר פעראיבעל גענאמען און אויף איינעם פון יענע רבנים האט ער זיך שטארק געבייזערט: אתה סובר שחדשת לעשות וירבא? אין־לך תינוק שונה תלמוד שלא הגיה! דוא דענקסט געוויס אז מיט דיינע פערבעסערונגען האסטו אויפגעטהאן עטוואס וואונדערבארערס? עס איז ניט דא א שילער וועלכער ל ע ר נ ט ת ל מ ו ד ער זאל ניט מאכען זיינע בעמערקונגען אויפ'ן טעקסט 13 *

דיא גוטע ערפאהרענע לעהרער זיינען געווען זעהר פארזיכטיג, ווען זייא האבען געפונען פאר נויטהיג עטוואס צו בעמערקען האבען זייא עס אויפגעצייכענט אויפ'ן ענדע פון בלאט אונטער דיא בוכשטאבען „ה״ג„ (הכי גרסינן) אבער דעם אלטען אריגינעלען טעקסט האבען זיי געלאזען אונבעריהרט. מען האט געשענקט גרויס אויפמערקזאמקייט צו דעם גלייכען פערשטאנד פון דעם שילער. דעם מיינונג וואס דער שילער האט ארויסגעזאגט מיט ניט קיין ריכטיגען אורטהייל האט מען גערופען „בויך סברה„ ניט פון מח 14 *

---

13 * ספר הישר סימן תרל״ב, וסימן תמ״ו: „ה ת ל מ י ד ש ב ש ה ג י ר ס א „

14 * שם סימן תרכ״ב דף ע״ה, ריש סימן תר״ק, וסימן רפ״ב.

ווען דער קינד האט שוין געוואוסט דעם אלף־בית און הברות, האט מען איהם געלערנט לעזען. דער לעזען האט געמוזט זיין על פי חקי הרקדוק. אום צו צייגען דעם קינד דיא בוכשטאבען אדער דיא ווערטער האט מען זיך בע־נוצט מיט א לאנגען דינעם העלצעל. א סארט „טייטעל„ 7 *

ווען דער קינד האט שוין פערשטאנען צו לעזען האט מען אנגעפאנגען מיט איהם חומש פון ספר „ויקרא„ (זעה קאפיטעל ה׳) און ווען ער האט געענדיגט דיא דריטע פרשה האט מען פעראנשטאלטעט א גאנצען מאהלצייט, אום צו פערגרעסערען זיין לוסט צום לערנען 8 * די איבערזעצונג איז געוועזען אין פראנ־צויזיש, אין לשון המדינה. אויך דיא ערשטע צוויי נעכט פון פסח פלעגט דער הערר פון הויז איבערזעצען די „הגדה„ פאר אלע זיינע מיטגליעדער פון הויז אין פראנצויזיש 9 *

אין אנפאנג האט מען געלערנט תנ״ך מיט פיעלע פירושים. מיט דיא ערקלעהרונגען פון פערשיערענע הלכות און אגדות פון גמרא און מדרשים, ביז עס איז ערשינען דער פירוש פון רש״י עס האט ניט גענומען לאנג און דיעזער „פירוש„ איז געווארען זייער פאפולאר ביים אידישען פאלק און אלע האבען געלערנט מיט דיעזען פירוש.

דיא זייער נויטהיגע תפלות, וויא דיא וועלכע זיינען גענומען פון דיא „ספרי הקודש„ פלעגט מען אויסשרייבען פאר׳ן שיללער ער זאל האבען פון וואס איבער צולערנען פאר זיך נאכהער האבען דיא „מחמירים„ עס פערבאטען אום עס זאל ניט ווערען צו וואכעדיג 10 *

ווען דער קינד איז געווארען עלטער מעהר ענטוויקעלט, האט מען אנגעפאנגען מיט איהם משניות און נאכהער גמרא, פאר די לעצטע האט ער געראפט אבגעבען זיין גאנצע צייט, זאגאר על פי דין איז מען מחויב צו לערנען מקרא, משנה און גמרא, לעולם ישליש אדם שנותיו, שליש במקרא וכו׳ 11 * פון דעסטוועגען האט מען פערלאנגט פון שיללער וועלכער האט געלערנט גמרא ער זאל פערברייננען זיין גאנצע צייט אויף תלמוד, ווייל אין תלמוד בבלי גע־פינט זיך אלעם: בלולה במקרא, בלולה במשנה בלולה בתלמוד. 12 ר

---

7 * ספר חסידים סימן תתצ״ח.

8 * מחזור ויטרי, עוד מוסיף שם: „בתחלה מפתין אותו ואח״כ זצועה על גביו„

9 * ובן נהג ר׳ שלמה הקדוש מדריו״ש אור זרוע ח״ב צד 119

19 * ספר חסידים סימן תתקט״ו.

11 * קידושין ל.; תוספות ע״ז דף י״ט: ד״ה „ישלש אדםשנותין.

12 * סנהדרין כ״ד.

דיא צערמאניע וואס זייא האבען געמאכט ביים פירהרען יעם קינד צים
ערשטען מאל אין חדר, קאן אונז געבען א געוויסען בעגריעף וויא טהייער און
היילינ בייא זייא איז געוועזען דיא תורה, און וויא וויים דיא עלטערען
זיינען געוועזען איבערגעגעבען פאר זייערע קינדער׳ס אידישע
ערציהונג :—

שבועות. אין דעם יום טוב ווען מיר האבען ערהאלטען דיא תורה, האט
מען דאס קינד אויפגעוועקט גאנץ פריה, בעלות השחר, ארום געוואשען. איהם
אנגעטהאן זיינע יום טוב׳דיגע קליידער און אוועק נעפיהרט אין שוהל. דארט
האט מען דאס קינד איינגעוויקעלט אין א טלית ארויף געשטעלט אויפ׳ן בימה
וואו מען האט געלייענט דעם סדר היום דיא עשרת־הדברות און איהם איבער־
נעגעבען צו זיין לעהרער, דער לעהרער האט איבערגענומען דאס קינד צו זיך
אין זיינע ארמס און האט איהם אוועקגעזעצט לעבען זיך. נאכהער האט ער גע־
נומען א טאפעל אויף וועלכען עס זיינען געווען איינגעשריבען דיא ערשטע און
דיא לעצטע פיער בוכשטאבען פון דעם אלף־בית, און דער פסוק : תורה צוה
לנו משה מורשה קהלתיעקב *3 און דיא ווערטער : „תורה תהא אמונתי„
און דער ערשטער פסוק פון ספר „ויקרא„ *4 דער לעהרער האט לאנגזאם פאר
געלעזען דיא בוכשטאבען פון אלף־בית כסדר, און דער קינד האט עם נאכגע־
זאגט אות באות. דיא לעצטע פיער אותיות זיינען אויסגעשפראכען געווארען
כסדר (ק ר ש ת) און צוריק (ת ש ר ק) ווייל דער צאהל פון דיעזע בוכשטאבען
בעטרעפט טויזענד, צוויי מאל איבער זאגען בעטרעפט צוויי טויזענד צום
אנדענקען פון דיא צוויי טויזענד יאהר וואס דיא תורה איז געווען פריהער
פאר בריאת עולם *5 דעם טאפעל האט מען דערנאך גוט ארומגעוואשען
בעשמירט מיט האניג און געגעבען דעם קינד צום לעקען אום צו צייגען דער־
מיט דעם קינד אז דיא תורה איז זים וויא האניג *6 דיא עלטערען זיינען
געווען דעם טאג איבער גליקלאך. עס איז בייא זייא געווען פערדעכענט אלס
איין אמת׳ע שמחה, גלייך וויא זיי וואלטען אין דעם טאג פון דאס ניי ערהאל־
טען דיא תורה אויפ׳ן בארג סיני. מיט זייער קינד האבען זייא שטאלצירט
און מען האט געפייערט דעם טאג אלס א דאפעלטען יום טוב מיט דאפעלטער
פריידע.

---

*3 דברים ל״ג, ד׳.

*4 הוא הספר הנתון למראשותיו של הילד „באשר הושם בערסו ונקרא בשם„
בי מן הספר הזה מתחילין ללמוד עם הילדים. עיין לעיל.

*5 בראשית רבה ח׳

*6 ומתוקים מדבש ונופת צופים,תהלים י״ט יא׳.

ישיבות און תלמוד תורה'ס! אבער דיעזע תלמוד תורה'ס האבען גערעטעט אונזער פאלק פון אונטערגאנג. זייא זיינען געוועזען אונזערע שטארקסטע פעדטונגען אונד וועהרענד טיטוס האט צושטערט דיא שטארקע מויערען פון ירושלים, פערניכטעט אונזער בית המקדש און פערטריבען אונזערע העלדען אין גלות, דענקענדיג אז : לא יזכר שם ישראל עוד. אין דער זעלבער צייט האט ר' יוחנן בן זכאי געגרינדעט זיין נייע פעסטונג, דיא ישיבה אין יבנה. אין דיא זעלבע פעסטונגען האבען אונזערע עלטערען געגרינדעט איזזייערע גלות לענדער, פעסטונגען וועלכע זיינען ווידערשטאנדען דעם לויף פון יאהר טויזענדע און האבען איבערגעלעבט אלע אונזערע פיינד, וועלכע האבען גערענקט אינז צו פערניכטען. פעסטונגען וועלכע נאך הייטע צו טאגע שטעהן אלס שוטץ־וואנד צו דיא וועלכע זוכען זייער שוטץ.

דיא אידישע היסטאריע האט בעשטעטיגט אז דער געטליכער ר' יוחנן בן זכאי איז פיעל וויטזיכטיגער געוועזען וויא דער רוימישער גענעראל.

דער ערשטער נאציאנאלער מיטעלפונקט אין גלות איז אהנע צווייפעל געווען „בבל„ ווען מען זאל נעמען אין אנבעטראכט דיא גרויסע און וויכטיגע ארבייט וואס דיא אידישע פאלק האט דארט געשאפען, קען מען זאגען אז דיעזע לאנד שפיעלט אזא וויכטיגע ראלע אין דער אידישער היסטאריע וויא ארץ ישראל זעלבסט, און ווען דיא ישיבות אין סורא און פומבדיתא האבען זיך אייפגעלעזט, און עס האט זיך גערעכט אז מיט דיא אויפלעזונג פון דיעזע ישיבות וועט דיא תורה אויך אונטערגעהען, האט וויא דורך א וואונדער גלייך ערשיינט א נייער מיטעלפונקט פאר דיא אידישע פאלק, אנאציאנער מיטעלפונקט פאר תורה און וויסענשאפט, אין שפאניען. אוועק געגאנגען א רעכטע צייט, און דיא תורה, דיא אידישע פאהנע האט אריבער געצויגען קיין פראנקרייך. דא זעהען מיר א גרויסע טהעטיגקייט פון דער אידישע געמיינדע. אין פראנקרייך האט יעדע קהילה פאר זיך געגרינדעט און עטאבעלירט קינדער־שוהלען, און עס אויסגעהאלטען פון דער קהל'שער קאסע, פערשיעדענע חברות וועלכע זיינען ספעשיאל געגרינדעט געווארען אויף צו האלטען תלמוד תורה'ס. גרויסע וויכטיגע לעהר־אנשטאלטען. 2* אויסער דעם האבען זיך אויך געפונען איינצעלנע קינדער שוהלען פון פריוואט לעהרער.

---

2* אין פירפיניאן האבען זיך געפונען פינף פערשיעדענע חברות. תלמוד **תורה, בקור חולים, מאור, צדקה. קברים.**

(שו"ת להר"ן סימן פ"ד.)

## ו׳

# אידישע קינדער שוהלען אין מיטעל אלטער און זייערע מעטהאָדען.

ווען אספסינוס האט בעלאגערט ירושלים אונד דיא ענדע פון אינזער פאליטישע זעלבסט שטענדיגקייט איז געוועזען נאהענט, האט ר׳ יוחנן בן זכאי [1] זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון דיא בעלאגערטע שטאדט און האט זיך פארגעשטעלט פאר דעם רוימישען גענעראל. וואס פערלאנגסט דוא יוחנן? —האט דער גענעראל איהם געפרעגט—אז ערלויבעניס צו גרינדען א ישיבה אין יבנה—וואר ר׳ יוחנן׳ס אנטווארט. דוא זאלסט עס האבען—האט איהם אספסינוס מיט א שטייבעל געענטפערט—האט עס דען אירם, דעם קינפטיגען רוימישען קעניג געקענט איינפאלען דאס מיט דיזע ערלויבעניס האט ער זיך זעלבסט פערראטהען, דאס דאמיט האט ער אליין צושטערט זיינע פלענער דיא אידישע נאציאן צו פערניכטען. האט ער דען געקענט בעגרייפען אז דיא תלמוד תורה׳ס און דיא ישיבות וועלען זיין נייע אידישע פעסטונגען. וועלכע אלע רוימישע לעגיאנען, שפאנישע אינקוויזיציאנען, רוסישע און רוימענישע פאגראמען וועלען עס ניט קענען בעזיעגען?

האבט זיך איין קליינינקייט האט ר׳ יוחנן בן זכאי פערלאנגט גרינדען

---

1) *) ר׳ יוחנן בן זכאי איז געוועזען זייער בעליעבט אין רוים און איז געוועזען זייער קלוג נאך זייענדיג אלס שילער ביא הלל׳ען האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שארפזיניגקייט, אז הלל זעלבסט האט אויף איהם געזאגט זייער א הויכען מיינונג (סוכה כ״ח ירושלמי פ״ה, ה״ז) דורך דיא צעהן יאהר וואס ער איז געוועזען נשיא אין יבנה האט ער געזאגט און זייער פיעל אויפגעטהאן. ער איז געוועזען זעהר הויך געשאצט ביא דיא אידישע פאלק און האט געוואונען דעם צוטרויען און רעספעקט פון זיינע שילער. זויא האבען אויף איהם געזאגט: נר ישראל עמוד הימיני, פטיש החזק ברכות כ״ח: דיא אידישע ליכט, דיא הויפט זיילע און דער שטארקער האמער.

רער, דיא פראפעטען. דער נאמען „ניות ברמה„ 23 * בעדייטעט „דיא אויפ־האלטונג פון דיא פראפעטען, וועלכע איז געוועז אין דיא שטאדט רמה„ יונתן איבערזעצט עס „בית אילפנא„ אזעלכע לעהר־אנשטאלטען האבען זיך געפונען אויך אין אנדערע שטערט וויא „בית־אל„ „יריחו„ „גלגל„ 24 * מען האט אויך געלערנט פאעזיע, וויא מיר זעהען אז דיא בני הנביאים, פון וועלכע עס איז עפעס געבליבען, זיינען אלע געוועזען גוטע פאעטען.

קעניג דוד האט געוויס זיך אויסגעלערנט צו מאכען אזעלכע שעהנע קאפיט־לאך תהלים אין דער שוהלע פון דיעזע בני־הנביאים. דיא בני אסף, בני קרח איתן, הימן און אנדערע, זיינען געוועזען בעגייסטערטע פאעטען, ווי מיר זעהען פון דאס ביסעלע וואס עס איז אונז פון זיי געבליבען.

---

23 * שא׳ י״ח.

24 * מלכים ב׳, ב׳, ג, ח; ד׳ ל״ח.

הגדול הכתוב מרבר 21 * א גרויסען זוהן, האט מען ניט געטארט שלאגען, אום דער פאטער זאל איהם ניט ארויסברייגגען פון געדולד און ניט עיבר זיין אויפ'ן „לאו„—ולפני עור לא תתן מכשול.

אין דיא גאנץ אלטע צייטען פלעגט דער איד אויך לערנען מיוזיק. וויא מיר געפינען עס אין דיא צייטען פון שמואל, אליהו און אלישע, האבען דיא בני הנביאים, געלערנט מיוזיק אין דיא פראפעטען שוהלען. דיא לוים זיינען אלע געווען גוטע מיוזיקער און זינגער. אלס ביישפיעל קען אונז אויך דיענען דיא מיוזיק פון תהילים. א גרויסער שרייבער האט א מאל געזאגט, אז געגען דעם תהלים ערשיינען אלע נייע געבעט־ביכער אלס א בלאסע און שוואכע נאכ־אהמונג!

אין דיעזען אונשאצבארען אוצר זיינען פערזאמעלט אלע געפיהלען פון דעם אידענס הארץ, און דיא בעגייסטערונגען פון דיא אידישע נשמות אין אלע דורות דער גאנצער נאציאנאלער לעבען קלינגט זיך אין זייא אפ, א נצחון ווערט דארט בעזונגען און א ניעדערלאגע ווערט דארט בעוויינט. האפנונגען ווערען אויסגע־דריקט און שרעק ווערט דארט פארגעשטעלט אין אזעלכע בילדער וועלכע קענען נאך יעצט ריהרען דיא שטארקסטע און ע ד ע ל ס ט ע הערצער אין דער וועלט.

וואס דיעזע מזמורים האבען בעדייטער פאר אונזער נאציאן און וויא ער־הויבען דיא מיוזיק פון דיא מזמורים זיינען געווען, לעהרנען מיר פון דיא נעמען וואס זייא האבען. פיעלע פון זיי ערצעהלען מיט וועלכען אינסטרומענט זייא דארפען געשפיעלט ווערען, א גאנצער ארקעסטער האט געקענט צוזאמענ־געשטעלט ווערען פון דיעזע אינסטרומענטען ווען מיר וואלטען נאר געוואוסט וואס פאר אינסטרומענטען זייא זיינען געווען און וואס פאר א טענער זייא האבען ארויסגעגעבען.

דיא גאנצע ביבעל קלינגט אזוי זיס און אנגענעהם אין אונזערע אויערען מיט איהר זיסען טראפ און שעהנע מעלאדיען און דיא גאנצע ביבעל איז פול מיט פאעזיע און געזאנג. דיא לוים ברוכנם זיינען געווען דיא מוזיקער און זינגער אין בית המקדש. בשילה ובבית עולמים־לוים־אין נפסלין אלא בקול. 22 *

דיא תלמידים פון דיא פראפעטען שוהלען, דיא בני הנביאים פלעגען אין גאנצען פערלאזען זייערע עלטערנ'ס הויז און פערבלייבען מיט זייערע לעה־

---

21 * מוע"ק י"ז.

22 * חולין ב"ד.

האט שטרענג פערבאטען צו זאגען א ליגען צו א קינד. ווען דיא עלטערען האבען עפעס צו געזאגט דעם קינד. האבען זייא עס געמוזט ערפילען, אום דאס קינד זאל זיך ניט אבלערנען זאגען ליגען. מען האט אויך ניט געטארט מאכען איין קינד אלס אויסנאהמע פון דיא איבעריגע קינדער *14 אונזערע חז"ל זאגען אויך דאס זעלבע: לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים *15 קיין פאטער דארף ניט מאכען קיין אויסנאהמע צווישען זיינע קינדער. זייא בריינגען אלס ביישפיעל פון אונזער פאטער יעקב וועלכער האט געצייגט מעהר ליעבע צו יוסף'ן וויא צו זיינע איבעריגע קינדער, און דאס איז געוועזן דיא אורזאכע פון זיינע פיעלע אונאנגענעהמליכקייטען.

יעדער פאטער איז געוועזן פערפליכטעט צו לערנען זיין קינד א מלאכה א פראפעסיאן פון וועלכע ער זאל קענען ציהען זיין חיונה בכבוד. כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטות *16 דער פאטער וואס האט זיין קינד ניט געלערנט קיין מלאכה, איז גלייך וויא ער וואלט איהם זעלבסט ערצויגען צו רויבעריי. לא ילמוד אדם את בנו אומנות שמביאה לידי גזל *17 עס איז שטרענג פערבאטען דער פאטער זאל לערנען זיין קינד ניט קיין עהרליכע פראפעסיאן.

דער פאטער האט גע'ארפט בעשטראפען זיין קינד, פאר אונגעהארכזאמקייט, פאר'ן איבערטרעטען זיין בעפעהל: חושך שבטו שונא בנו, ואוהבו שחרו מוסר *18 ווער עס האלט צוריק זיין רוט האט פיינד זיין קינד. אבער דער וואס ליעבט איהם, שטראפט איהם פריהצייטיג. אונזערע הכמים דריקען עס אויס אין פאלגענדען מאמר: כל המונע לבנו מן המרדות—שאינו מוכיחו—סוף בא לתרבות רעה *19 דער וואס האלט צוריק דיא שטראפע פון זיין קינד, וועט ער בערייהען, ווייל דער קינד וועט זיך אויפהאדעווען מיט שלעכטע זיטען, און וועט נאך האבען זיין פאטער אומגעקעהרט: כל המיסר את בנו מוסיף הבן אהבה על אביו והוא מכבדו *20 אבער דער פאטער וואס בעשטראפט זיין קינד, פאר זיינע שלעכטע אויפפיהרונגען, וועט איהם דאס קינד ליעבען און נאך מעהר שעצען. ולפני עור לא תתו מכשול: — במכה לבנו

---

*14 דברים כ"א, ט"ו—י"ז.
*15 שבת י'.
*16 קדושין כ"ט.
*17 ירושלמי קדושין פ"ד, י"א.
*18 משלי י"ג, כ"ד.
*19 ש"ר, רפ"א.
*20 ש"ר, ריש פרשה שמות.

דער אונטעררריכט איז געווען איןהעברעאיש, אזוי וויא דיא יעצטיגע מע־טהאדע פון עברית בעברית *8 מען האט זיך אבער ניט בעשרענקט נור מיט תורה און זיטענ־לעהרע אליין, מען האט אויך געלערנט דרך ארץ, וויא זיך אויפפיהרען אין א געזעלשאפט פון מענשען. מען האט אויך געלערנט פערשיעדענע וויסענשאפטען, איבערהויפט מאטהעמאטיק און אסטראנאמיע. ווען דיא קינדער זיינען געוואַרען עלטער רייף גענוג עס צו בענעהמען פון שפראכען איז רעקאמענדירט געווארען צו לערנען נור נויטהיגע פיער־: העב־רעאיש, סיריש, לאטייניש און גריכיש. נור א קורצע צייט איז דיא גריכישע שפראכע געווארען פערבאטען צו לערנען פון דער צייט פון די חשמונאים, אדער מאקאבעער, ביז רבן גמליאל דעם צווייטען. וייל צוליעב דיא גזירות, שמד און רדיפות וואס דיא אידען האבען געליטען פון דיא גריכען און איבערהויפט פון דיא העלעניסטען, דאס הייסט דיא אידען וואס האבען זיך אסימילירט מיט דיא גריכען. איז דיא גריכישע שפראך געווען שטארק פערהאסט ביים אידי־שען פאלק.

איינצעלנע פערזאנען האבען געלערנט אויך אנדערע שפראכען' יעדער פון דיא סנהדרין האט געמוזט פערשטעהען אלע אומגאנגס־שפראכען פון יענער צייט. אום ער זאל קענען פערשטעהען פון דעם בעל־דין זעלבסט ניט דורך א מתורגמן, אן איבערזעצער. *9

כמעט אלע קינדער האבען געלערנט לעזען און שרייבען, גדעון, דער זוהן פון יואש, האט ניט געדארפט פיעל זוכען א קליין קינד וואס זאל פאר איהם אויסשרייבען דיא נעמען פון דיא עלסטע פון דער שטאדט סכות. דאס ערשטע קינד וואס ער האט געטראפען האט עס פאר איהם געטהאן *10 דיא ווער־טער „ונער יכתבם„ *11 צייגען אויך דאס דיא מעהרסטע קינדער האבען געקענט שרייבען.

דער אונטעררריכט פון דיא טעכטער איז געווען פערשיעדען וויא דיא פון דיא זיהן. וייל, זייא האבען אויך געדארפט לערנען צו זיין ווירטהינס אין הויז, האדעווען און אכטונג געבען אויף דיא קינדער *12 לא לומא איניש לינוקא דיהיבנא לך מידי ולא יהיב ליה, משום דאתי לאגמוריה שיקרא *13 מען

---

*8 אוצר השמות א. ח. ראזענבערג.

*9 סנהדרין י"ז.

*10 שופטים ח', י"ד

*11 ישעיה י', י"ט.

*12 משלי ל"א.

*13 סוכה מ"ו.

אלף, בית, גימל, דלת: „אלף בינה„ לערנען מיט פערשטאנד. „גמול
דלים„ טהו גוטעס מיט ארמע מענשען. ה, ו, דאס איז גאטעס נאמען. ז:
מיינט „זן„ — אויב דוא וועסט טהאן גוטעס, וועט דיר גאט שפייזען. ח:
—„חן„— ער וועט דיר ליעבען. ט:—„טוב„— ער וועט דיר טהאן גוטעס.
י: —„ירושה„— דוא וועסט ערבעןביידע וועלטען. כ: —'כתר„—ער וועט
דיר האלטען טהייער וויא א קרוין. ל: —„לעולם„— אויף דער וועלט. מ—ם:
—„מאמר„— אן אפענער און שלום מם: עס איז דא אין דער תורה געגענשטענ־
דע וועלכע מען מעג ערקלעהרן און אנ־דערע ניט. (נגלה ונסתר). נ—ן;
—„נאמן„— מען דארף גלויבען אן גאט בעצאהלט יעדען נאך דעם גוערטה
פון זיינע מעשים. ס: —„סמנים„— ע: —„עשה„— בעמערק גוט און נעהם
אין אכט ווען דוא לערנסט. פ—ף: —„פה„— איין אפענע און פערשלא־
סענע פה, עס איז דא א צייט צום רעדען און א צייט צום שווייגען, בענוץ
דיין מויל צו דברי תורה און רייד ניט קיינע שלעכטע ווערטער, צ—ץ:
—„צדיק„— דער צדיק דער ארענב־ליבער מענש, ווען אפילו ער ליידעט יעצט
וועט ער אבער זיין שטאלץ אין דער צוקונפט מיט זיין בעלוינונג וואס ער וועט
ערהאלטען פאר זיינע גוטע מעשים. ק: —„קדוש„— ר: —„רשע„—
עס זיינען דא אויף דער וועלט היילינע, גוטע און שלעכטע מענשען. ש:
—„שקר„— ת: —„אמת„— מען טאר ניט זאגען קיינע ליעגען, מען מוז
אימער ריידען דיא ווארהייט *5

בן חמש שנים למקרא *6 ווען דער קינד איז געווארען פינף יאהר אלט
האט מען אנגעפאנגען לערנען מיט איהם חומש. מען האט אבער ניט אנגע־
פאנגען פון „בראשית„ נור פון ספר ויקרא. מיר געפינען דערויף איין ער־
קלעהרונג אין מדרש. אמר רבי אסי: מפני מה מתחילין לתינוקות בתורת
כהנים, ואין מתחילין מבראשית? — אמר הקדוש ברוך הוא: — הואיל
והתינוקות טהורים והקרבנות טהורים—יבאו טהורים ויתעסקו בטהרות *7
דיא קליינע עופה'לאך זיינען דאך גאר ריינע אונשולדיגע נפשות, זיי האבען
נאך גאר ניט פערזוכט דעם טעם פון אַ עבירה, דאריבער האט גאט געהייסען
מען זאל מיט זייא אנפאנגען אין ספר ויקרא. ווייל ווען דיעזע קליינע עופה'
לאך לערנען „תורת כהנים„ איז בייא מיר פערגעבענט וויא כהנים וואלטען
מקריב זיין פאר מיר קרבנות אין בית המקדש.

---

*5 שבת ק"ד, ירושלמי וב"ר.

*6 אבות פ' ח'.

*7 ויק"ר פ' ז': ילק"ש מדרש תנחומא פ' צו.

## ה'

# די מעטהאדע פון לערנען

בין דיא צייטען פון רבן גמליאל הזקן, האט מען געלערנט תורה שטעהענדיג, אבער נאך זיין טויט, האט מען איינגעפיהרט צו לערנען זיצענדיג. ווייל די מענשען זיינען געווארען שוואכער [1] דער וואס לערנט תורה אין דער יוגענד וואקסט דיא תורה מיט איהם. זיא ווערט איינגעבאקען טיעף אין זיין הארצען. איינגעזויגען אין זיין בלוט. אבער דער וואס פאנגט ערשט אן צו לערנען תורה אויף דער עלטער, וועט ער שוין קיין גרויסע פעולה ניט האבען, וויא מען זאגט דעם גלייך ווארט: „ווען דוא האסט ניט געוואלט לערנען תורה אין דער יוגענד, וויא קענסט דוא פערלאנגען אז די תורה זאל קומען צו דיר אויף דער עלטער„ [2] דער וואס לערנט תורה אין דער יוגענד, איז גלייך וויא א כתב געשריבען מיט טינט אויף גוטע נייע פאפיער, דער כתב איז ריין און עס האלט אויף לאנג: אבער דער וואס פאנגט ערשט אן אויף דער עלטער איז גלייך וויא א כתב געשריבען מיט טינט אויף אלטע אבגעריבענע פאפיער [3] וויא דער קינד איז געווארען דריי יאהר אלט האט מען אנגעפאנגען מיט איהם לערנען די בוכשטאבען פון אלף־בית. בן שלש שנים לאותיות [4] מען האט אנגעפאנגען לערנען דאס קינד צו זיין א בעל מדות טובות, גוט געזיטעט צו זאמען מיט דעם אלף־בית, מען האט איהם צום ביישפיעל ערקלעהרט דיא נעמען פון דיא אותיות אויף דיעזער ארט און וויזע:

---

1* מגילה כ״א

2* אדר״נ פ' כ״ה,

3* אבות פ'. ד'.

4* מדרש.

אויער, פיליכט איז עס גאר ניט דיינער? „ האט איהם שמואל אויך דאס זעלבע געפרעגט. שטייט: — האט זיך דער שיללער געבייזערט — דיא גאנצע וועלט ווייס אז דאס איז מיין אויער „דוא בינסט גערעכט„ — האט איהם שמואל געענטפערט. אבער זייא וויסען אט אזוי וויא אלע ווייסען אז דאס איז דיין אויער, אזוי ווייסען אויך אלע אז דאס איז „אלף„ און דאס „בית„ דער זאגענאנטער תלמיד האט איינגעזעהען זויא לעבערליך ער איז מיט זיינע פראַגען. ער האט אנגעהויבען לערנען פלייסיג און איז געווארען מיט דער צייט א הויך געבילדעטער מענש.

דער לעהרער האט ניט געטארט צו פיעל פאסטען, ווייל ער וואלט ניט האבען קיין גערולד און וואלט ווערען בייז אויף זיינע שיללער פאר יעדע קלייניגקייט 39* געוויס האט מען געזארגט דער פאר ער זאל ניט דארפען פאסטען, דאס הייסט, עס זאל איהם גאר ניט פעהלען.

אין אלגעמיין זיינען דיא אידישע לעהרער געוועזן דיא פאהנען־טרעגער פון פאלק, זייא האבען ערצויגען דיא קינדער אין דעם וואהרען גייסט פון יודענטהום. התורה והחכמה. רעליגיאן און וויסענשאפט האבען זייא איינגעשלאסען איינע אין דיא אנדערע. און זייער ארבייט איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

---

39* תענית י״א.

ווערען פון דער אונגעריכטע פלוצלונג אונערווארטעטע פראגע.

מען האט דיא תלמידים פערבאטען צו לערנען מיט דעם אבזיכט צו פער־דינען געלד דורכדעם *35 זייא האבען ניט געטארט זיין שטאלץ מיט זייערע קענטניסע, מען האט זייא שטענדיג געווארענט, זייא זאלען ניט פערגעסען וואס זייא לערנען. דאריבער האבען זייא געמוזט פיעלע מאל ווידערהאלען דאס וואס זייא האבען געלערנט. „ווער עס לערנט און פערגעסט„—האבען דיא חכמים געזאגט — איז גלייך צו א פרוי וואס געבערט קינדער, און בעגראבט זייא *36 (מאמר ר' יהושע)

זייא האבען אויך ניט געטארט זיין קיינע היפאקריטען, פאלשע מענשען, ריידען און דענקען אנדערש. דער לעהרער ווידער האט געדארפט פערשטע־הען, וויסען וויא זיך צו האלטען מיט זיינע שילער נישט לאבען מיט זייא צו פיעל, און ניט פערברייגגען מיט זייא דיא צייט אין נארישקייטען ער האט געדארפט זיין מיושב'דיג, בעזעסען גוט מוהליג, און' ווען ער האט גע־דארפט ענטפערען אויף א פראגע האט ער עס געברויכט ערקלערען מיט א שכל ניט בגזירת המלך *37 דער כאראקטער פון צווי לעהרער, איינער א כעס'ן דער צווייטער א געלאסענער פול מיט געדולה, ווערט פארגעשטעלט אין א קליינע געשיכטע וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין מדרש *38 איינער איז געקומען לערנען תורה ביי רב, האט ער איהם געצייגט איין „אלף„ און „בית„ פרעגט איהם דער תלמיד „ווער זאגט עס אז דאס איז אזוי וויא דוא זאגסט, פיליכט איז גאר פערקעהרט? „

רב האט עס ניט געקענט דולדען ער איז אויף איהם שטארק געווארען אויפגערעגט, און האט איהם ארויסגעטריבען, דער זעלבער איז אוועק צו שמואל, און האט איהם געבעטען ער זאל מיט איהם לערנען תורה, ווען שמואל האט איהם געצייגט „אלף„ און „בית„ האט ער איהם אויך געפרעגט דיא זעל־בע פראגע, — ווער זאגט עס אז דאס איז אזוי וויא דיא זאגסט, פיליכט איז גאר פערקעהרט? — שמואל האט גלייך איינגעזעהען מיט וועמען ער האט צו טהאן, אז מיט לאגישע ארגומענטען וועט ער איהם ניט בעזיעגען, איז ער געפאלען אויף א וויטציגען צופאל ער האט איהם אנגענומען פאר'ן אויער און א שטארקען ציהע געטהאן, „אוי, מיין אויער! מיין אויער! „ האט דער קלוגער שילער אנגעפאנגען שרייען„ווער זאגט עס דיר אז דאס איז דיין

---

*35 נדרים ס"ב; אבות פ' ד'.

*36 סנהדרין צ"ט.

*37 תוספתא סנהדרין פ"ז.

*38 קה"ר.

שיללער: אם חבלו יותר מן הראוי לו, חייב *24 אויב ער האט בעשטראפט זיין שיללער, מעהרער וויא מען קען בעשטראפען א יונג קינד,—ער האט איהם געמאכט א צייכען אויף דעם קערפער—איז דער לעהרער פעררעכענט געווארען אלס טיראן, וועלכער ווייס זיך ניט וויא ארומצוגעהן מיט קליינע קינדער, און מען האט איהם בעשטראפט. פון דיא שיללער האט מען פארלאנגט, אז זייא זאלען עהרען און שעצען זייער לעהרער און מורא האבען פאר איהם וויא פאר גאט *25 פאַר א תלמיד חכם האט מען זיך געמוזט אויפשטעלען ווען ער איז געקומען אין דיא פיער איילען; אבער פאר זיין לעהרער—וויא ער האט איהם נאר דערזעהען *26 ווען צוויי שיללער האבען בעגלייט דעם לעהרער האבען דיא תלמידים געדארפט געהן פון ביידע זייטען און דער רבי אין מיטען *27 ביים אבשיידען זיך פון רבי'ן, האט מען זיך ניט געטארט גלייך אפקעהרען מיט'ן פנים נאר עטוואס מיט דער זייט *28 דער שיללער האט זיך ניט געטארט זעצען אויף זיין לעהרער'ס פלאץ *29 ניט רופען דעם לעהרער מיט דעם געוועהנליכען נאמען נור רבי *30 איהם ניט ווידער זיין, ניט ארייַנפאלען אין מיטען פון זיינע רייד *31 דער שיללער האט ניט געטארט מתפלל זיין נאהענט לעבען זיין רבי'ן, איהם ניט בעגריסען וויא מען בעגריסט א געוועהנליכען מענשען, נאר מיט'ן טיטול „רבי„ *32 מען האט געפאדערט פון דיא שיללער דאס זייער קערפער און זעעלע זאלען זיין ריין, זיך ניט שעמען פרעגען דאס וואס זייא פערשטעהען ניט, *33 כשעומד רבי במסכת זו לא תשאלני במסכת אחרת *34 עס איז אבער נאר ערלויבט געווען צו פרעגען אין דיא זעלבע מסכת, אין דעם זעלבען אינהאלט וועלכען מען האט געלערנט, אבער ניט אין א פרעמדען ענין. אויך ניט גלייך וויא דער רבי קומט אריין אין דער שוהלע אום ער זאל ניט איבעראשט

*24 תוספתא, ב"ק, ט'.

*25 ב"ק מ"א: אבות פ"ד, ט"ו.

*26 קדושין ל"ג. :

*27 עירובין נ"ד.

*28 יומא נ"ג.

*29 במד"בר"ר, פט"ו.

*30 סנהדרין ק'.

*31 במד"בר"ר פט"ו.

*32 ברכות כ"ז; ירושלמי ברכות פ"ב, ה"א.

*33 אבות פ', ב'.

*34 שבת ג'.

אויך געראַרפט אויפריכטיג אין דייטליך ערקלעהרען זיינע לעקציאנען. אם ראית תלמיד שלמודו קשה עליו כברזל, בשביל רבו שאינו מסביר לו פנים *20 ווען דוא זעהסט א שילער ביא וועמען דער לערנען איז שווער און הארט אזוי וויא אייזען, זאלסט דוא וויסען אז דער לעהרער. זיין רבי איז אין דעריין שולדיג, ווייל ער האט איהם ניט גוט געגעבען צו פערשטעהען.

דער לעהרער האט געראַרפט קאנען לערנען זיינע שילער, און וויסען, וויא פיעל מען קען מיט זייא לערנען, וויא ווייט זייא זיינען אומשטאנדע צו בעגרייפען און ניט לערנען מיט זייא מעהרער וויא פיעל זייא קאנען בענעמהען. תפסת מרובה, לא תפסת. *21 ווען דוא פערזוכסט אנצונעהמען זייער פיעל אויף איין מאל, בלייבסט דוא בייא גאר ניט. א מלמד וועלכער איז אנגעשטעלט פון צבור פון קהל, און מען האט אויסגעפונען דאס ער פערנאכלעסיגט זיינע לעקציאנען, אדער, לעהרנט ניט גוט, ד. ה. ער מאכט פעהלערען אין זיין לערנען, האט מען איהם געמענט ענטזאגען אהן התראה, אהנע נאטים. ווייל עס איז פון יענע שארענס, וועלכען מען קאן ניט צוריק געבען, וועלכע מען קאן ניט פעררריכטען. *22 (אמהייפט דעם קינד'ס צייט וואס געהט אוועק לאבור) אין אלגעמיין איז דער מלמד זייער הויך געשעצט געווארען בייא אידען. אלס דער ערציהער פון דעם יונגען דור, האט מען זיך אויף איהם פערלאזען אז ער זאל איינפלאנצען אין דיא יונגע הערצלאך פון זיינע תלמידים גוטע זיטען און אלעם וואס א איד ברויך וויסען.

דער איינפלוס פון דעם אידישען מלמד אויף דעם אידישען קינד איז געווען שטארק און מעכטיג גענוג איהם צו האלטען אין בעגייסטערונג פאר'ן יודענטהום אויף זיין גאנצען לעבען.

דער תנא—ר"בא"ר דערצעהלט דאס דיא אידישע לעהרער זיינען אימער געווען דיא געטרייסטע אידען פאר זייער אמונה, איבערגעגעבען פאר זייער נאציאן, געבילדעטע לייטע, און וויסענשאפטס מענער. וויא געזאגט, דער לעהרער האט געדארפט זיין דער סימבאל, א מוסטער פון ערענטליכקייט און גוטסקייט, אום ער זאל זיין א ביישפיעל מיט זיינע גוטע מדות צו זיינע שילער *23 ער האט אויך געמוזט זיין זעהר פארזיכטיג אין בעשטראפען דיא

---

*20 תענית ח' עא'.

*21 ר"ה ד'; יומא פ'.

*22 ב"ב כ"א; רמב"ם הלכות שכירות, ספ"י.

*23 חגוגה ש"ו: ל"ק, הא בגדול והב"ק.

דאט מיט איהם געלערנט און איז אימשטאנדע עם איבערצוגעבען צו זיינע שילער. נאר פאר דעם גנגיאלען מענשען איז ערלויבט געווען צו מאכען איין אייננאהמע. עס איז דאריבער קיין וואונדער וואס מען האט אזוי הויך געשעצט דעם לעהרער, און דיא עהרע פורכט פאר אידם איז געשטעלט געווארען אויף איין מדרגה מיט דיא עהרע פורכט פאר גאט. מורא רבך כמורא שמים *12 דיא פפליכטען פון דיא שיללער צו זייער לעהרער. זיינען געווען פיעל שטארקער און העכער וויא דיא פפליכטען צום פאטער, ווען איינער האט געפונען צוויי זאכען, איינס וואס זיין פאטער האט פערלארען און דיא אנדערע וואס זיין לעהרער האט פערלארען, האט ער געמוזט פריהער צוריק קעהרען דעם לעהרער'ס אבדה און נאכהער דעם פאטערס. *13 ווען דער פאטער און זיין לעהרער האבען געטראגען א משא האט ער פריהער געדארפט העלפען ארונטער נעמען דיא לאסט פון זיין לעהרער און נאכהער פון פאטער *14 ווען דער פאטער און זיין לעהרער זיינען געזעסען אין תפיסה, האט ער פריהער געדארפט אויסלייזען זיין לעהרער און נאכדעם דעם פאטער *15 תורה שאין לה בית אב—שלא קבלה מרבותיו—אינה תורה *16 אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו *17 דיא לעהרע וואס מען האט ערווארבען אהן א לעהרער, איז ניט געווען אזוי טהייער וויא דיא וועלכע מען האט ערהאלטען פון א לעהרער. ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, אלו מלמדי תינוקות *18 דיא לעהרער וואס לערנען מיט קליינע קינדער, טהוען פיעל גוטעס פאר דעם כלל, און וועלען שיינען וויא דיא ליכטיגע שטערען אין הימעל.

מען האט אבער אויך געפאדערט פון דיא לעהרער גרויסע ציפריכטיגקייט אין זייער לערנען, וויא אויך אין זייער אויפפיהרונגען. אם דומה הרב למלאך ה' צבאות, יבקשו תורה מפיהו *19 דער רבי פון וועמען מען האט געלערנט תורה, האט געדארפט זיין ריין וויא א מלאך, אין זיינע אויפפיהרונגען. ער האט זעלבסט געדארפט פראקטיצירען דאס וואס ער האט פערלאנגט פון דיא שיללער זייא זאלען טהאן, דער לעהרער האט געמוזט זיין קלאהר אין דעם אינהאלט וועלכען ער האט געדארפט לערנען מיט זיינע שילער, ער האט

---

*12 אבות.

*13 ב"מ ל"ג

*14 שם

*15 שם

*16 ירושלמי שבת, פי"ט

17 כתובות קי"א.

*18 ב"ב ח'.

*19 מו"ק י"ז; חגיגה ט"ו.

דריי מאל אין טאג, אין דער שמנה־עשרה, אתה חונן לאדם דעת „ומלמד„ לאנוש בינה. גאט זעלבסט איז א מלמד דער אידישער לעהרער האט געהאט פאר זיך א גרויסע אויפגאבע און האט געטראגען אויף זיך א גרויסע פער־אנטוואָרטליכקייט. ווען דער שיללער האט געהאט אין זיך פיינע זיטען, גוטע מדות און שיינע מאניערען האט מען געזאגט: לויבענס ווערטה איז זיין לעה־רער וואס האט איהם געלערנט תורה. און איינגעפלאנצט אין איהם אט דיעזע גוטע מדות 2 *

דער פאר האט דער אידישער לעהרער געמוזט זיין העכסט זיטליך, א בעל מדות טובות און זייער געדולדיג. ולא הקפדן מלמד 3 * א כעסן האט ניט געטאָרט זיין א לעהרער, ער האט געמאגט זיך אנבייזערען אויף זיין שיללער, אבער איהם ניט צופיעל פערשעמען. אין אלגעמיין האט דער לעהרער געדארפט האלטען זיין שיללער'ס עהרע טהייער: יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך 4 * ר' אלעזר בן שמוע האט געזאגט: דיין שיללער'ס עהרע זאל בײ דיר זיין אזוי טהייער, הויך געשעצט וויא דיין אייגענע. תלמידו של אדם חביב עליו כגופו 5 * דער שיללער איז ליעב און טהייער בײ זיין לעהרער, וויא זיין אייגענע פערזענ־ליכקייט. תלמידו של אדם נקרא בנו 6 * דער שיללער איז אזוי טהייער ווי זיין אייגען קינד. 7 * לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם 8 * קומט קינ־דער הערט מיך צו, איך וועל אייך עפעס לערנען. ועתה בנים שמעו לי 9 * און יעצט קינדער הערט מיך צו. דאס מיינט מען שיללער, נור דער לעהרער האט גערופען זיינע שיללער מיט'ן נאמען „קינדער„ און אזוי האט ער זיך מיט זיי פערטראגען. אויסער זיינע גוטע זיטען האט ער געמוזט זיין זעהר געבילדעט און ניט וועניגער וויא 40 יאהר אלט. ולא נתן ה' לכם לב לדעת ... עד היום הזה 10 * — אמר רבה: מכאן, שאין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה 11 * דעם מענשען'ס פערשטאנד ווערט ערשט ענטוויקעלט ווען ער ווערט פיערציג יאהר אלט. נור דאן קען ער ריכטיג בעגרייפען וואס זיין רבי

---

2 * יומא פ"ו

3 * אבות פ"ב, מ"ה

4 * שם פ"ד, מיב'.

5 * רש"י, דברים ל"א, כ"ט.

6 * ויקר" פיא', ז'.

7 * סנהדרין י"ט

8 * תהילים ל"ד יב'.

9 * משלי ה', ז'.

10 * דברים ל"ב, ב'.

11 * ע"ז, ה'

# ד׳

# דער ערשטער לעהרער

מען דערצעהלט אז ביסמארק האט א מאל געזאגט: אז דער זיעג פון דיא דייטשען איבער דיא פראנצויזען אין 1870 האט זיך ניט אנגעפאנגען אויפ׳ן שלאכטפעלד, נור, אין דיא דייטשע סקוהלס און עס איז צו פערדאנקען ניט דעם דייטשען סאלדאט נאר דעם דייטשען לעהרער וואס האט ארייגעבלאזען פאטריאטיזמוס אין דיא יונגע הערצער פון דיא דייטשע קינדער. ווען מען האט אזעלכעס געקענט זאגען אויף דעם דייטשען פאלק, וויא ריכטיג וואלט עס זיין צו זאגען אויף דעם אידישען פאלק! ווען עס איז נויטהיג ארייצובלאזען פאטריאטיזמוס אין דיא יונגע הערצער פון דיא קינדער פון א פאלק אום זייא זאלען קענען שפעטער קעמפפען מיט קאנאנען. וויא פיעל פאטריאטיזמוס האט געדארפט ארייגעבלאזען ווערען אין דיא הערצער פון דיא יונגע קינדער פון דעם אידישען פאלק וועלכע האבען אימער געקעמפפט אהן וואפען פון פייער און אייזען נור מיט א ריינע אידישע הערץ? דער אידישער לעהרער איז אימער געוועזען דער אידישער גענעראל, און אין דיא אידישע ערציהונג איז געלעגען דער זיעג פון דיא אידישע פאלק, דא וויכטיגקייט און שטארקייט פון אונזער עקזיסטענץ אלס נאציאן.

הקדוש ברוך הוא יושב ומלמד תינוקות של בית רבן תורה 1 * דער עוויגער זעלבסט פערברייננגט צווישען די קליינע קינדער און לערנט מיט זייא תורה.

אזוי הויך האבען אונזערע חכמים געשעצט און ערהויבען דעם אידישען לעהרער, אז דער נאמען „מלמד„ איז גאר געוועזן א טיטעל: און דעם עוויגען זעלבסט האט מען געלויבט און בעטיטולט מיט׳ן נאמען „מלמד„ מיר זאגען אויף

---

1 * עבודה זרה ג׳

לערנען ? „ 34 * ערשט אין צווייטען יאהר הונדערט האט מען ערלויבט נעהמען נעצאהלט פאר לערנען מיט קינדער תנ״ך אבער פאר גמרא לערנען איז נאך אלץ ניט ערלויבט געווען צו נעמען קיין געלד.

אין דער זעלבער צייט זאגען אונזערע געלערנטע: **תלמיד שלא ראה סימן** יפה במשנתו חמש שנים. שוב אינו רואה ר׳ יוסי אומר ג׳ שנים 35 * ווען דער שיללער האט געלערנט פינף יאהר אדער, וויא ר׳ יוסי זאגט, דריי יאהר, און האט נאר ניט אויפגעטהאן, ווען ער שוין ניט קענען אויפטהאן, און עס איז פיעל גלייכער דאס אזא כארט שיללער זאל זיך לערנען וואס פאר א מלאכה, אירגענד וועלכע פראפעסיאן, אום ער זאל ווערען ניצליך פאר דער מענשהייט.

34 * ב״ב ח׳

35 * חולין כ״ד

גאר ניט בייז געווארען. ער האט איהם גאנץ געלאסען געפרעגט: „וואס איז דיא אורזאכע דערפון?" דער תלמיד האט איהם געענטפערט ווייל ער האט געהערט דאס מען האט גערופען ר' פרידא'ן ערגעץ צו א דבר־מצוה. האט ער יעדען מאל גערעכענט דאס ער וועט באלד אוועק געהען איי־דער ער וועט אייהם ערקלערען די געוועהנליכע פיער הונדערט מאל, און דעריבער איזער ניט געווען אויפמערקזאם.ר' פרידא האט איהם גערולדיג געזאגט, דאס, ער זאל יעצט זיין מעהר אויפמערקזאם, ווייל ער וועט איהם נאך פיער הונדערט מאל ערקלעהרען דיא זעלבע זאך און ער וועט אין מיטען ניט אוועקגעהען.

פון דיעזע געשיכטע קען מען זעהן, וואס פיר איין אייזערנעם גערולד דער אידישער לעהרער האט בעזעסען, אז עס איז גאר פאר איהם ניט געווען קיין בעשטימטע צאהל, וויא פיעל מאל ער זאל ווידערהאלען דעם לעקציאן צו זיין שיללער.

וועגען ר' חייא הגדול ווערט דערצעהלט, דאס ער האט געהאט א זאנדער־בארען סיסטעם אין לערנען מיט דיא קינדער, ער פלעגט אויסשרייבען אויף פארמעט גאנץ תורה, און דאס אויסלערנען מיט פינף קינדער, ד. ה. מיט יעדען קינד בעזונדער איין ספר.און נאכהער, פלעגען דיא פינף קינדער איבערלערנען צו זאמען, יעדער וואס ער האט געלערנט פון זיין לעהרער, פון ר' חייא'ן, אזוי פלעגט אויסקומען דאס אין איין יאהר צייט פלעגען אלע פינף קינדער אויס־לערנע און וויסען אויף קלאהר אלע חמשה חומשי תורה. 32* דאס זעלבע פלעגט ער טהאן מיט ששה־סדרי משנה, מיט דיא זעקס סדרים משניות, צו זעקס בעזונדערע קינדער, און עס אויך דורכלערנען מיט זייא, אויפ'ן זעלבען שטייגער אין איין יאהר. 33* מען דארף אויך ניט פערגעסען דאס אין דיא אלטע צייטען—וויא מיר האבען שוין עראינערט—האבען דיא אידישע לעהרער קיין געצאהלט ניט גענומען פאר דעם לערנען מיט שיללער. און דאך זיינען זייא געווען איבערגעגעבען מיט לייב און זעלע צו דיעזער הייליגער ארבייט פון קינ־דער ערציהונג.פיעלע האבען זייער גאנצע צייט אוועק געגעבען דערויף. ווען מען האט א מאל געזעהען א קינדער לעהרער אויסען דער שוהלע ניט בייא זיינע שיל־לער, איז עס געווען איין אויסערגעוואהנליכע זאך און מען האט עס בעוואונדערט. רב האט א מאל געזעהען דעם בעוואוסטען קינדער לעהרער, רב שמואל בר שילת אין איין אנדער פלאץ אין דער צייט פון לערנען, האט ער זיך דערויף שטארק געוואונדערט, און האט איהם געפרעגט: „האסט דוא שוין דיין בעשעפטיגונג מיט קינדער לערנען אויפגעגעבען, וואס מען זעהט דיך דא, אין דער צייט ד״

32* ב"מ פ"ה.
33* שם

רענט. דאס רעזולטאט, דיא פאלגע דערפון איז געווען, אז דיא בני־יהודה האבען געקענט, זיינען געווען געלעהרנטע מענער און דיא לעהרע האט ביי זייא געהאט א קיום. אבער דיא בני־גליל האבען געשווינד פערגעסען וואס זייא האבען געלערנט און זיינען געבליבען אונוויסענד.

ביי דעם אלעמען האבען יענע אלטע אידישע פעדאגאגען אויך גוט פערשטאנען צו האלטען דיא שילער אין פאלקאמענער דיסציפלין. זרוק מורה בתלמידים! 26 * איז געווען זייער שפרוך. דיעזע שטרענגע האלטונג האבען זייא אבער נאר דא און דארט בענוצט אלס פארמע פאר דיא שילער. אין דער ווירקליכקייט אבער האבען זייא אנגעזאגט: תינוק תהא שמאל דוחה וימין מקרבת 27 * דערווייטער דאס קינד אביסעל מיט דער לינקער האנד, (ד. ה. דיסציפלינירע איהם) אבער, זייא איהם באלד צוריק מקרב מיט דער רעכטער!

וויא פיעל מאל דארף מען ווידערהאלען דעם לעקציאן מיט'ן שילער? רבי חייא בר אבא פלעגט יעדען טאג ווידערהאלען וואס ער האט מיט א טאג פריהער געלערנט און לערנען ווייטער 28 * ר' אליעזר ווייזט אויף, אז מען דארף איבערלערנען פיער מאל, דיא זעלבע לעקציאן, און רבי עקיבא זאגט: „עד שילמדנו„ 29 * ביז ער זאל וויסען דעם לעקציאן פאלקאם. הלל זאגט: אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחד 30 * דאס הייסט, עס איז ניט גלייך דער וואס לערנט זיין לעקציאן הונדערט מאל, צו דעם וואס לערנט הונדערט און איין מאל. עס איז קיין צוויפעל, וואס מעהר מען לערנט איבער דעם לעקציאן אלס בעסער געדענקט מען עס, אבער דער לעהרער מיט'ן שילער דארף איבערלערנען נור 4 מאל. עס ווערט דערצעהלט אין תלמוד 31 * פון א געוויסען אמורא, ר' פרידא, וועלכער האט געהאט א תלמיד צו וועלכען ער האט געמוזט פיער הונדערט מאל ערקלעהרען איין און דיא זעלבע זאך, ביז ער האט דאס ריכטיג פערשטאנען, איין מאל האט זיך געטראפען דאס ר' פרידא האט דיעזען תלמיד ערקלעהרט דיא לעקציאן פיער הונדערט מאל און דיעזער האט עס נאך אלץ ניט פערשטאנען. ר' פרידא איז

---

* 26 כתובות ק"ג.

* 27 סוטה מ"ז.

* 28 קדושין ל'.

* 29 עירובין נ"ד.

* 30 חגיגה ט'.

* 31 עירובין נ"ד.

אין בעטראכטען און גערענקען וואס מען זעהט. דער תלמוד דערצעהלט פאלגענדעם: תלמיד אחד היה לו לרבי אליעזר שהיה שונה בלחש, לאחר שלש שנים שכח תלמודו * 19 ר"א האט גערהאט א שיללער וועלכער האט געלערנט אין דער שטיל; אין דריי יאהר צייט האט ער פערגעסען וואס ער האט געלערנט. עס איז אויך געווען איינגעפיהרט אז מען זאל לערנען מיט א נגון. כל הקורא בלא נעימה ושונה בלא זמרה עליו הכתוב אומר וגם אני נתתי להם חקים לא טובים * 20 דער וואס לערנט אהן א נגון איז גלייך ווייא ער וואלט דאמיט צייגען אז ער האט אין דעם לערנען קיין פערגעניגענד געפונען. בעת לערנען פלעגט מען זיך בעוועגען מיט'ן קערפער זיך שאקלען * 21 אום מען זאל ניט ווערען מיעד פון זיטצען אויף איין ארט אלאנגע צייט. יעדעם געגענשטאנד בעזונדער האט געהאט פאר זיך איין אייגענעם בעשטימטען נגון. צום ביי־שפיעל; ווען מען האט געהערט לערנענדיג, האט מען גלייך געקענט בעשטימען, נאך'ן נגון, וואס מען לערנט. תורה, נביאים, כתובים. משניות אדער גמרא, ווייל יעדע פון דיעזע געגענשטענדע האט מען געלערנט מיט א בעזונדערען נגון: כל המשנה מנגון לנגון, הרי זה נחשב כעובר על השגת גבול אשר גבלו ראשונים * 22 דיא קינדער פלעגט מען לערנען מיט דקדוק, מען האט זייא געגעבען פערשיעדענע סמנים, כללים, טעמים און ערקלעהרונגען. אמר רב חסדה: אין התורה נקנית אלא בסימנין, שנאמר: „שימה בפיהם„ * 23 — אל תקרי „שימה„ אלא „סימנה„ * 24 רב חסדה האט געזאגט: מען קען ניט ערווערבען תורה, סיידען, דורך פערשיעדענע סימנים, פערצייכנונגען אום מען זאל עס בעסער געדענקען, אט אזוי האבען זיך געפיהרט דיא בני יהודה: בני־יהודה רדיקא לישנא ומתנחי להו סימנא, נתקיימה תורתן בידם: בני גליל,דלא דייקא לישנא, ולא מתנחי להו סימנא לא נתקיימה תורתן בידן * 25 דיא בני־יהודה זיינען געווען זעהר אויפריכטיג, אבער, דיא בני־גליל האבען ניט געמאכט קיין אונטערשיעד אין זייער אויסשפרעכבען דיא ווערטער, און האבען אויך קיין דקדוק געלע־

---

* 19 עירובין נ"ד.

* 20 מגילה ל"ב.

* 21 מחזור ויטרי, ספר חסידים סימן תתכט"ו

* 22 שם, ס', ש"ב.

* 23 דברים לא', י"ט.

* 24 עירובין נ"ד.

* 25 שם נ"ג.

פאר דעם צווייטען. און מען האט איינגענומען דעם, וואס לערנט אויפריכטיג און גראמאטיש. שבשתא כיון דעל על [14] א גרייז בענעהמט זיך און א נארעשקייט געדיינקט זיך,—זאגט דיא וועלט א גלייך ווארט. און מיט קינדער לערנען דארף מען זיין זעהר פארזיכטיג. מען מוז פריהער גוט בעדיינקען אין וועמענס הענד מען גיט איבער דאס קינד צום אונטעררייכטען. ווייל גירסא דינקותא געדיינקט זיך אמבעסטען. דער תלמוד דערציילט פון א לעהרער וועלכער האט גרוזאם בעהאנדעלט זיינע שילער ער האט זייא געשלאגען אונערבארמליך. מען האט איהם דערפאר ענטזאגט פון זיין שטעלע און רב אחא האט אין גאנצען צו גענומען פון איהם דאס רעכט צו זיין א לעהרער. רבינא האט איהם אבער צוריקגעזעצט אויף זיין פריהערדיגע שטעלע. ווייל, עס איז שווער געווען צו קריגען אזא גוטען לעהרער וויא ער איז געווען [15]

דאס קינד האט געדארפט לערנען פון א ספר, ניט אויסווייניג, איינע פון דיא פינף זאכען וואס רבי עקיבה האט אנגעזאגט צו ר״ש בן יוחי זיצענדיג אין תפיסה איז געווען: כשאתה מלמד את בנך, למדהו בספר מוגה. [16] ווען דו לערנסט מיט דיין קינד. לערען איהם פון איין איבערגעזעהענעם ספר אין וועלכען עס זאל זיך ניט געפינען קיינע פעהלערען. נאך בעסער וואלט זיין צו לערנען מיט דיא שילער פון א טאפעל וואס זאל העגנען אויפ׳ן וואנד, אום דיא שילער זאלען ניט דארפען זייערע קעפ האלטען ארונטער געבויגען איבער דעם ספר פאר שטונדען לאנג. עס טהוט דעם קינד זעהר פיעל שאדען. אבער, אויף קיין פאל אויסווייניג. ראייה מביאה לידי זכירה [17] און אותיות מחכימות, דער קוק. און בעטראכטען דעם אויסזעהען פון דיא בוכשטאבען העלפט זייער פיעל צום זכרון. הלומד מתוך הספר לא במהרה משכח למודו [18] דער וואס לערנט פון א בוך וועט ניט פערגעסען זיין לעהרע אזוי געשווינד וויא דער וועלכער לערנט אויסווייניג. זאגאר פאר דעם לעהרער זעלבסט איז אויך ראטהזאם, אז ער זאל אריינקוקען אין דעם ספר, פון וועלכען ער לערנט מיט זיינע שילער, ער זאל זיך היטען און ניט זאגען אויסווייניג. אום דאמיט צייגען א גוטען ביישפיעל צו זיינע שיללער.

דיא שילער האבען געדארפט לערנען הויך, אויפ׳ן קול. דיא אויערען דארפען הערען וואס דיא מויל רעדט, זאגאר דיא אויגען שפיעלען א גרויסע ראלע

[14] * שם.
[15] * גיטין ל״ו.
[16] * פסחים קי״ב.
[17] * מנחות מ״ג.
[18] * ירושלמי ברכות,פ״ה הא׳.

דער לעהרער האט געדארפט לערנען מיט'ן קינד דייטליך. אנווענדען פערשיעדענע מיטלען, ביישפיעלע, אום דער קינד זאל עס לייכט פערשטעהען: אשר תשים לפניהם *5 ערכם לפניהם כשולחן ערוך *6 דוא זאלסט פארלייגען מיין לעהרע—אזוי וויא א פול געגרייטער טיש מיט אלע געריכטען. דער לעהרער האט אויך געדארפט זיין זעהר אויפריכטיג מיט זיין ערקלעהרונג און ארויסרעדען שארף, אום דאס קינד זאל זיין אימשטאנדע צו ענטפערען אויף וואס מען וועט איהם פרעגען און ניט שטאמלען: ת"ר, ושננתם! שיהו דברי תורה מחודדים וכו' *7 שבת, האט מען ניט געלערנט מיט דיא קינדער קיינע נייע געגענשטענדע, פרישע לעקציאנען, אום ניט צו מאטערען דעם קינד אין דעם טאג וואס מען דארף רוהען, נור איבערצולערנען דאס וואס מען האט מיט איהם געלערנט דורך דער וואך. *8 אין קורין לתינוקות בשבת מתחלה *9 אונזערע חכמים האבען געראטהען, דאס מען זאל לערנען מיט דיא קינדער וואס מעהר: מרהטי בגמרא והדר מעייני בסברא *10 עס איז בעסער מען זאל לערנען מיט דיא שילער וואס מעהר, און זיך ניט אריינלאזען גלייך אין עמקות. ווען דער שילער וועט שוין האבען א רעכטע ביסעל אריינגעלערנט וועט ער דאן קענען אוועקגעבען מעהר צייט פאר פערשיעדענע דעבאטען. אין א צווייטען מאמר דריקען זייא עס אויס אין אנדערען אופ'ן: אי דייקינן כולי האי, לא הוי תנינן *11 עס איז ניט פראקטיש זאגען דיא חכמים זיך אפ צו שטעלען אויף יעדעם ווארט, און פערברייגען דיא צייט אויף פערשיעדענע דרשות, ווייל „ווען מיר וואלטען זיך אפ געשטעלט אויף יעדעם ווארט וואלט פערנומען צו פיעל צייט, און מירוואלטען געבליבען ניט געלערנט„ (מאמר רב פפא). לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה *12 מען ברויך לערנען מיט'ן שילער קורץ און שארף. ווען מען האט געדארפט איינעמען א לעהרער, איז מען געווען זעהר פארזיכטיג: הני תרי מקרי־דרדקי, חד גרים ולא דייק, וחד דייק ולא גרים: מותבינן דדייק ולא גרים *13 ווען עס האבען זיך געמאלדען צוויי לעהרער, איינער לערנט גרינדליך אבער ניט פיעל; דער צווייטער לערנט מעהרער, און אויבער פלעכליך: האט ד"ר ירושטער געהאט דעם פארצוג

---

*5 שמות כא' א'.

*6 עירובין נ"ד, מכילתא.

*7 קדושין ל'.

*8 ברייתא נדרים ל"ז, וכפי הר"ן.

*9 ש"ע, יו"ד, הלכות ת"ת, רמ"ה

*10 סוכה כ"ש

*11 עירובין מ"ח.

*12 פסחים ג,, חולין ס"ג.

*13 ב"ב כא'.

מען פון אן ערנסטע, קלאַפּ. ווארום דער גוטער קינד, דער געהארכזאמער שיללער וועט דאך ממילא, אהן קלעפּ, אויך לערנען. דאס קינד ווידער וואס לערנט ניט אזוי גוט, איז נענוג ווען ער זיצט צוזאמען מיט זיינע חברים ביי'ם אונטער־ריכט, און מיט דער צייט וועט זיך צו איהם אויך עפּעס צו קלעפּען. רער זעלבער רב שטעלט אונז פאר, א בעשיידענעם לעהרער פון דער פּראווינץ, אלס מוכטער: עס האט זיך א מאל געטראפען, דערצעהלט רב, אז איך בין געקומען אין א געוויסען שטעדטעל, גראד אין יענער צייט ווען עס האט שטארק געפעהלט רעגען. האב איך גוזר תענית געווען. דער רעגען האט זיך אבער אלץ פערשפּעטיגט צו קומען. דאן איז צוגעגאנגען דער שליח־צבור פאר'ן עמוד און האט געדאווענט. אזוי וויא ער האט נור אויסגערופען אין דער שמונה־עשרה „משיב הרוח ומוריד הגשם„ האט זיך אויפגעהויבען א ווינד דער הימעל איז געווארען בעצויגען מיט שווערע וואלקענס און עס האט אנגעהויבען צו גיסען א שטארקער רעגען. דיא זאך איז מיר אויפפאלענד געווארען, איך האב דעם מאן גערופען און האב איהם דאס ערשטע געפרעגט: זאגט מיר איך בעט איך, מיט וואס בעשעפטיגט איהר איך איינענטליך ער האט מיר געענטפערט: איך בין אן איינפאכער לעהרער אין פיהר א פּריוואט שוהלע פאר קליינע קינדער,—וויא אזוי געהסט דוא אום מיט דיינע תלמידים? —איך אונטעררריכטע די ארעמע קינדער פונקט אזוי געט־ריי וויא דיא רייכע, און ווען איינער קען מיר ניט צאהלען קיין שכר למוד בין איך איהם מוחל און איך נעהם ביי איהםגאר ניט.

ער האט ווייטער דערצעהלט: אין דעם הויף פון מיין שוהלע האב איך געמאכט א טייכעל אין וועלכען עס שווימען ארום קליינע פישלאך. ווען עס טרעפט זיך, אז איך האב א שלעכט קינד וואס האט ניט קיין חשק צום לערנען, פער־שטעה איך מיך גאנץ גוט וויא אזוי צו געווינען זיין יונג הערצעלע דורך דעם פיש־פאנג. איך געה מיט איהם ארוים צום טייכעל און פאנג עטליכע פישלאך פון זיינעטוועגען. אין דער זעלבער צייט שמייכעל איך צו און רייד מיט איהם דער וויל פון דער שוהלע. איך גיב איהם צו פערשטעהען דיא וויכטיגקייט פון דעם לערנען. אט אזוי ווערט ער צו מיר שטארק צוגעלאזט און בעקומט חשק צום לערנען *3 דער לעהרער האט געדארפט זיך צייגען פריינדליך צו זיינע שיללער ביים אנפאנג לערנען אום דיא קינדער זאלען פיהלען צו איהם א פריינדשאפט און דאדורך ווערען צוגעצויגען צום לערנען. כי הא דרבה.— מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבד יהותא *4 רבה, בעפאר ער האט אנ־געפאנגען לערנען מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער זאגען א וויטץ, עטוואס פרעה־ליכעס, און נאכהער לערנען.

---

*3 תענית כ"ד ע"א.
*4 פסחים קי"ז עא'.

## ג׳

# די לעהר-מעטהאדען אין די אמאליגע שוהלען.

מיר געפינען ווייטער איינינע ערקלעהרונגען איבער דיא סיסטעם פון קינדער ערציהונג. אמר לו רב, לרב שמואל בר שילת. עד שית לא תקביל, מכאן ואילך, קביל ואספי ליה כתורה. 1 * דער געלעהרטער רב האט געזאגט צום לעהרער פון א פאלקס שוהלע, רב שמואל בר שילת, פאר זעקס יאהר זאלסט דוא ניט אויפנעהמען א קינד. ווען דאס קינד איז אבער עלטער וויא זעקס יאהר, זאלסט דוא איהם אויפנעהמען אין דיא שוהלע, און זאלסט איהם אנשטאפען דיא לעה־רע וויא מען שטאפט אן אן אקס. מיר קענען נאטירליך ניט איינשטימען מיט דיעזער מעטהאדע צו לערנען דאס קינד זאכען, וועלכע ער פערשטעהט ניט. און איהם שטאפען מיט דיא לעהרע איבער זיינע קרעפטען. אבער מיר מוזען דאך צו געבען, אז .רב, וועלכער האט געלעבט אין אנפאנג פון דריטען יאהר הונדערט האט גאנץ ריכטיג בעשטימט דיא יאהרען ווען א קינד דארף אנפאנגען צו לערנען. פון דיעזען רב, געפינען מיר אז אנדערען זייער וויכטיגען שפרוך וועגען דער האל־טונג פון דעם לעהרער געגען דיא שילערביי׳ם אונטעררינכט. אמר לו רב, לרב שמואל בר שילת, כי מחית לינוקא, לא תימחי אלא בערקתא דמסנא, דקרי,קרי, ודלא קרי ליהוי צוותא לחבריה. 2 *ווען דוא ווילסט שלאגען א קינד—האט רב אנגעזאגט דעם לעהרער שמואל בר שילת—פאר זיין אונגעהארכזאמקייט, בע־דארפסט דוא וויסען און ניט פערגעסען מיט וועמען דוא האסט צו טהאן, קאנסט איהם קוים אנריהרען מיט א קליינעם רימען פון א שוך, אבער זאלסט זיך הי־

---

1 * ב״ב כא׳.

2 * שם.

אויך דיא קערפערליכע איבונגען זיינען ניט פערנאכלעסיגט געווארען. אפילו שווימען איז אויך געווען. נאך איינינע, א וויכטיגע געגענשטאנד אין דער אונטעררריכטס פראגראם. 38 *

צווישען דיא תלמודיסטען וועלכע האבען זיך זייער פיעל אינטערעסירט מיט דעם שוהל־וועזען און האבען אויך פיעל ביינעטראגען צו איהר ענטוויקלונג קענען מיר אנגעבען דיא פאלגענדע: רבי יוחנן 57 יאהר פאר דיא אלגעמיינע צייט רעכנונג. רבי עקיבא, ר׳ יהושע 73 אין ערשטען יאהר הונדערט. רבי יהודה הנשיא דער מסדר פון דער משנה און אינטימער פריינד פון דעם רוימי־שען קייזער אנטאנינוס. ר׳ אלעזר בן שמוע און ר׳ פרידא 120. רבן גמליאל דער זוהן פון ר׳ יהודה הנשיא 218. רב און רב חסדה. רב קטינה. רב זירא׳ ר׳ נחמן. רב חייא בר אבא און רבה בר בר חנה 250. רב פפא 258. אביי 279. און ר׳ יהושע בן לוי 291. און נאך פיעלע אנדערע.

---

ווענען קינדער־שוהלען אין מיטעל־אלטער און זייערע מעטהאדען זעה קאפיטעל ו׳ און קאפיטעל י׳.

---

38 * קדושין כ״ט.

איינער שטאדט אליין האבען עקזיסטירט פיער הונדערט קינדער־שוהלען, אין ירושלמי [31] און אין מדרש איכה ווערט אנגעגעבען זייער צאהל נאך גרעסער און צוואר פינף הונדערט.

מיט דעם אלעמען בעקלאגט זיך דער תלמוד, אז ירושלים, איז נור דערפאר חרוב געווארען, ווייל דיא איינוואהנער האבען ניט גענוג פערשטאנען צו שעצען דעם ווערט פון זייערע קינדער־לעהרער און זייערע קינדער־שוהלען [32] וועלכע בילדען דיא איינציגע וואהרע שילד־וואכע פון דעם פאלק. [33] דיא קינדער שוהלען זיינען געווען ארגאניזירט סיסטעמאטיש, דער אונטעררינכט איז איינגעטהיילט געווארען פריי צו אלע קינדער. ביי דיא אייפנאמע זיינען דיא קינדער קלאסיפיצירט געווארען נאך זייערע יאהרען און קענטניסע. און אויף דעם שטייגער איז דער אונטעררינכט איינגעטהיילט געווארען אין דריי קורסען: א בית־הספר, ב׳ בית־תלמוד, און ג׳ בית־המדרש. דער פראגראם איז געווען גלייך פאר אלע שוהלען [34] דער צאהל פון די שילער פאר איין לעהרער אין זיין קלאס איז געווען פינף־אונד־צוואנציג פאר פיערציג שילער האט מען שוין צוגעגעבען א ריש דוכנא, א בעהעלפער פאר פופציג שילער, האבען געמוזט זיין צוויי לעהרער [35] דיא הוצאות דערויף האט געמוזט געבען דיא געמיינדע. דיא אונטעררינכט שטונדען זיינען אויך פעסט געזעצט געווארען. עשו מועדים לתורה־ קבעו עתים לתלמידיכם שידעו עת לבא ולשנות [36] זייא האבען אויך געזארגט פאר דיא היגיענע פון דיא קינדער. מען האט געלייגט זעהר פיעל געוויכט דערויף, אז דער פלאטץ, אין וועלכען מען האט אונטעררינכטעט, זאל ניט זיין פערפעסטעט פון שטיקענדע לופט. און דער פאר ווען עס האט זיך א מאל געטראפען, אז מען האט ניט געהאט גענוג פלאטץ אין דיא קלאסען פאר דיא שילער, האט מען בעסער אונטעררינכטעט אויף דער גאס, אויפ׳ן פעלד, אונטערן פרייען הימעל. גזר רבי שלא ישנו לתלמידים בשוק. [37] רבי האט גוזר געווען מען זאל מיט דיא שילער ניט לערנען אויפ׳ן גאס, ווייל דיא לעהרער פלעגען זייא בעסער אונטעררינכטען אויפ׳ן גאס, איידער דיא קינדער זאלען דערשטיקט ווערען פון ענגשאפט און פערדארבענע שטיקענדע לופט.

---

*31 תענית פ״ד.

*32 שבת קי״ט.

*33 ירושלמי פ״ק דחגיגה; מ״ר איכה.

*34 פרקי אבות מ״ח.

*35 בב׳ כא׳.

*36 עירובין נ״ד.

37 *מוע״ק ט״ז.

נען פון זעקס יאהר אלט. דאך האט מען איינגעשטימט מיט רב, וועלכער זאגט, אז מען זאל ניט אנפאנגען לערנען מיט'ן קינד ביז ער ווערט זעקס יאהר אלט.

דאס איז א גרויסער פונקט אין הלכות פעדאגאגיע. וואס דיא עלטערן, אמהויפט דיא מלמדים דארפען וויסען פיעלע פאנגען אז צו לערנען מיט'ן קינד ווען ער איז פיער אדער קוים פינף יאהר אלט. מען טהוט דערמיט גאר ניט אויף פערקעהרט עס איז א גרויסע רעה פאר'ן קינד. עס איז צו פרית, דעם קינד'ס כח איז נאך ניט רייף גענוג, דאס ער זאל בענעמען וואס מען לערנט מיט איהם. עס איז א פאקט, אז דער זיעבעןיאהריגער קינד קען אויפטהאן אין איין יאהר, וואס א פינף יאהריגער קינדדאריף לערנען אין דריי יאהר.

דיעזער יהושע בן גמלא, איז געוועזא וויכטיגער פערזאן, ער איז געוועזן דער לעצטער אידישער כהן גדול. אין זיין צייט האבען דיא אידען געליטען פון דיא רוימער, און עס האט זיך אנגעפאנגעןדער לעצטער קריעג, וועלכער האט גע־פיהרט צו חרבן בית שני, און דאך האט זיך יהושע בן גמלאבעשעפטיגט מיט דער פאלקס־ערציהונג און האט געגרינדעט פאלקס־שוהלען. ווייל ווער נאר האט געקענט וויסען אזוי גוט וויא ער זייענדיג א כהן גדול. און לעבען אין אזא קריטיישע לאגע וויא אין יענער צייט. דאס דיא גאנצע שטארקייט, דיא הויפט גבורה פון א פאלק ליעגט נור אין דיא פאלקס־שוהלען.

אין איין אנדער פלאץ געפינען מיר פאלגענדעס: רבי חייא זאגט; „עבידנא דלא תשתכח תורה מישראל„ היינו דאמר רבי; „במה גדולים מעשי חייא„ 26 * רבי חייא איז אלזא גע־גאנגען נאך ווייטער. ער זעלבסט איז געווארען א פאלקס־לעהרער, א מלמד, און רבי, אדער ר' יהודה הנשיא האט איהם געריהמט און אויסגערופען: „במה גדולים מעשי חייא!„ רבי חייא טהוט אויך זייער פיעל. פון יענער צייט אן און ווי טער זיינען אלע אידישע געמיינדען גע־ווען פערפליכטעט אויסצוהאלטען קינדער שוהלען 27 * כל עיר שאין בה תינו־קות של בית רבן מחריבין אותה, רבינא אומר מחרימין אותה 28 * דיא גע־מיינדע וואס האט ניט געוואלט איינפיהרען בייא זיך דיעזע גוטע ארדנונג, קינ־דער־שוהלען, מיט איהר גוטען ווילען איז געווארען גענצליך אויסגעשלאסען פון דעם כלל ישראל.

אסור לדור בעיר שאין שם מלמד תינוקות 29 * עס איז געוועזן שטרענג פערבאטען צו וואהנען אין א שטאדט וואס האט ניט געהאט קיין קינדער שוהלע צו אונטעררייכטען דיא קינדער. אין דער צייט פון בית שני איז דאס אידישע לאנד פול געוועזן מיט קינדער־שוהלען. איבער הויפט האט זיך אויסגעצייכענט דיא שטאדט ביתר אין דיעזער הינזיכט. אום צו ציינען דיא גרויסע צאהל שוהלען, דערצעהלט דער תלמוד. 30 * אז אין דער

* 26 שם ק"ג.

* 27 בב' כא'.

* 28 שבת קי"ט.

* 29 סנהדרין י"ז.

* 30 גיטין נ"ה.

לערנען, אבער, דער וואס האט קיין פאטער ניט געהאט אדער דער פאטער איז
געווען איין עם הארץ, א פראסטער מענש פלעגט בלייבען אונוויסענד, ניט געלע־
רענט. מען האט אנגעהויבען זארגען וועגען דעריין זייער שטארק. דער וואס
האט געלערענט מיט׳ן צווייטענס קינד תורה איז געשטאנען זעהר הויך: כל
המלמד את בן חבירו תורה, זוכה ויושב בישיבה של מעלה; כל המלמד את בן
עם הארץ תורה, אפילו הקדוש ברוך הוא גוזר גזירה, מבטלה בשבילו. 20* דער
וואס לערנט מיט׳ן צווייטענס קינד תורה איז זעהר הויך געשעצט ביי גאט, און
דער וואס לערנט תורה מיט דעם קינד פון איין עם הארץ, איז אימשטאנדע צו
צערשטערען א גזירה הויך זיין חשיבות ביי גאט. נאכהער איז מען געקומען
צום בעשלוס דאס מען זאל עפענען א קינדער שוהלע. אין אנפאנג איז דיעזע
שוהלע געווען איינגעריכטעט בלויז אין ירושלים אליין. באלד אבער האט דאס
פאלק אנגעהויבען צו פיהלען דיא שוועריגקייטען וואס ליגען אין וועג ווען מען
דארף שיקען דיא קינדער פון דער פראווינץ צו דער הויפט שטאדט דארטען לער־
נען, און עס זיינען באלד איינגעריכטעט געווארען אועלכע שוהלען גלייך איז
אלע לאנדס־בעצירקען. אבער בלויז פאר עלטערע קינדער פון זעכצעהן אדער
זיבענצעהן יאהר און עלטער 21* דיא מלמדים פלעגען לערנען גאנץ אומ־
זיסט: מה אני בחינם אף אתה בחנם. 22* גאט זאגט: אזוי וויא
איך לעהרען מיט אלעמען אומזאנסט, אזוי זאלסט דוא אויך לערנען
מיין תורה צו אנדערע אומזאנסט זעלבסט פערשטענדליך פלעגט דער מלמד
וועלכער נעהמט קיין געצאהלט פאר זיין אונטעריכט, פערלאנגען, אז דיא שיל־
לער זאלען אויך וועלען לערנען מיט חשק און זאלען זיך גוט איינהערען צו זייע־
ער לעקציאנען ווען עס פלעגט אבער טרעפען צווישען דיא שילער איינער, אדער
איניגע וואס פלעגען דעם רבי׳ן ארויסברייגנען פון געדולד, פלעגט ער אנגעה־
מען פאר׳ן קאלנער און ארויסווארפען 23* ביז יהושע בן גמלא האט בעווי־
זען אלע שוועריגקייטען וואס זיינען געלעגען אין דעם שוהל וועזען. ער האט
געלאזט אויפשטעלען קינדער שוהלען אין אלע בעצירקע, אין אלע שטעדט און
צווישען אלע קהלות, פאר קליינע קינדער־פון זעקס־זיעבען יאהר און עלטער. ווע־
גען איהם האט אויסגערופען ר׳ יהודה: ברם זכור אותו האיש לטוב, ויהושע בן
גמלא שמו, שאלמלא הוא נשתכח תורה מישראל. 24* אט נאר דיעזער מאן
פערדינט אז־זיין נאמען זאל ביי אונז בלייבען צום גוטען אנדענקען! ווען ניט
זיין ענערגיע, וואלט מען שוין געווען פערגעסען אויב עס האט גאר אמאל עק־
זעסטירט לערנען ביי אידען! אמר ר׳ קטינא: כל המכניס את בנו פחות מבן
שש, רץ אחריו, ואינו מגיעו 25* רב קטינא זאגט: דער וואס בריינגט אריין
זיין קינד צום לערנען ווען ער איז איינגער פון זעקס יאהר וועט ער מאכען פיעל
גרעסערע פארשריטע אין זיין לערנען וויא זיינע חברים וועלכע פאנגען אן לער־

---

20* במ׳, פ״ח׳
21* ב״ב כ״א.
22* נדרים ל״ז׳
23* ב״ב, כא׳
24* שם.
25* כתובות נ׳.

נאך זיין טויט זיינען זייא באלד געעפענט געווארען דורך דעם טהראן פאלגער חזקיהו הצדיק. דיא קליינע פרינצען, מנשה און רבשקה, האבען ערהאלטען זייער אונטעריכט אין איינער פון יענע שוהלען [14] קעניג חזקיהו איז געווען איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו דיא שוהלען און אלגעמיין און צו דיא קינדער־שוהלען נאך מעהר. חזקיהו נעץ חרב על פתח בית המדרש ואמר: מי שאינו עוסק בתורה ידקר [15] דער קעניג חזקיהו האט אויפגעהאנגען א שווערד איבער דיא טהיר פון בית המדרש מיט איין ערקלעהרונג: דער וואס וועט זיך ניט בעשעפטיגען מיט דער תורה וועט דערשטאכען ווערען דורך'ן שווערד׳ דער מדרש דערצעהלט, ווי ער זעלבסט פלעגט ארומגעהען אבטונג געבען אויף דיא חדרים, אויף דיא מלמדים און זייערע לעהר־מעטהאדען. נאך זיין טויט, איז דיא איפזיכט אפגעשוואכט געווארען. מיר זעהען דאס קעניג יאשיהו האט געפונען פאר נויטהיג ארויסצושיקען געלעהרטע אין אלע שטעדט פון ארץ ישראל צו לערנען דאס פאלק־רעליגיאן און זיטען לעהרע׳ דיעזע לעהרער זיינען אבער ניט פערבליבען אויפשטענדיג אויף איין ארט, זאנדערען זייא האבען בערייזט דאס גאנצע לאנד, פון־שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף און געלערענט היינט דא און מארגען דארט. אויף דעם ארט און וועיזע וויא עס קומט נאך היינט פאר אין שוועדען און נארוועגיען. דיא צייט אבער האט געוויזען, דאס רייזענדע ניט בעשטענדיגע שוהלען קענען ניט ברייננגען קיין גרויסע נוצען׳ דיא אומשטענדע ביי'ם אידישען פאלק זיינען אבער געווען זעהר שלעכט אין יענער צייט. פאליטישע צרות האבען געמאכט אונמעגליך צו זארגען וועגען פערבעסערען דיא ערציהונג און בילדונג פון דיא קינדער.

ווען דיא אידישע מלוכה איז צושטערט געווארען דורך דיא מאכט פון בבל האט זיך דיא לאגע פון קינדער ערציהונג נאך מעהר פערערגערט׳ אין בבל האבען זייא אין א קורצע צייט אין גאנצען פערגעסען זייער העברעאישע שפראך. דיא קינדער האבען גערעדט א מין געמיישעכץ פון פערשיעדענע שפראכען. ביז דער צייט ווען עזרא און נחמיה זיינען געקומען פון בבל צוריק נאך ארץ ישראל [16]

.3

דיא אנשי כנסת הגדולה [17] האבען איינגעארדענט צווישען זייערע פיעלע גוטע איינפיהרונגען, אויך דעם שוהל אונטעררי כט. זייער פראקלאמאציאן איז געווען: והעמידו תלמידים הרבה [18] „ערציהעט פיעלע שילער" דאך, איז דער הויפט פפליכט צו לערנען דאס קינד געלעגען אויפ'ן פאטער׳ בתחלה מי שיש לו אב מלמדו תורה, ומי שאין לו אב לא היה למד תורה [19] עס איז אויס געקומען, אז דאס קינד וואס האט געהאט א פאטער, פלעגט איהם דער פאטער

---

[14] בבלי ברכות י"ה, בעין יעקב׳

[15] סנהדרין צ"ד

[16] ובניהם חצי מדבר אשדודית ואינם מכירים לדבר יהודית, נחמיה י"ג, כ"ד׳

[17] אנגעפאנגען מיט זרובבל, 437 פ. ק׳ ר.

[18] אבות א' א'

[19] ב"ב כא'.

זערבער שוהלע ויעלבע האט זיך גערופען בית המדרש האבען אויך געלערענט קליינע קינדער. נאך א געשיכטע געפינען מיר אין מדרש 10 * אמר ר׳ אלעזר לא עמדו פילוסופין לאומות העולם כבלעם ובאבנימוס הגרדי וכו׳. ווען בלק דער קעניג פון מואב האט זיך פערבונדען מיט דיא עלטסטע פון מדין, מלחמה צו האלטען מיט דעם פאלק ישראל, זיינען מיט זייא אויך געווען פעראייניגט דיא איבעריגע נאציאנען, אלע האבען זיי זיך אין איינעם בעראטהען, וויא אזוי דאס אידישע פאלק צו פערניכטען. און דער רשע בלעם בן בעור האט איינגעדריקט זיין מיינונג אויף דיזע ארט און וייזע: געהט איהר פריהער אין ער מחנה פון דיא אידען, און שטודירט דעם צושטאנד פון זייערע קינדער־ס׳. ס 1 אויב איהר וועט געפינען זייערע סקוהלס גוט ארגאנאזירט ראן, מעגט איהר זיכער זיין אז איהר וועט קיין מאל ניט קענען אויספיהרען אייערע פלענער געגען דיזע נאציאן. סיידען ווען זייא וועלען פערשליסען דיא טהירען פון זייערע קינדער־סקוהלס, דאמאלס קענט איהר זייא גובר זיין. ווארום אזוי האט זייא פערזיכערט זייער פאטער „הקול קול יעקב והידים ידי עשו„ 11 * אזוי לאנג וויא עס לאזט זיך הערען דיא שטימען פון דיא בני־יעקב טויגען עשו׳ס הענד צו גאר ניט. וויא באלד אבער היא בני־יעקב מאכען צו זייערע מיילער, און לאזען זיך ניט הערען פון דער שוהלע מיטזייערע שטימען, ווערען עשו׳ס הענד גענוג שטארק און מעכטיג זיי צו דערשטיקען

עס איז אמת אז דער כאראקטער און דיא ריינע געפיהלען פון א פאלק שפיעגעלט זיך אפ אין דיא פאלקס־זאגען, דאך, זיינען דיזע ארגומענטען בלויז פון הגדות. מען מוז אבער צו געבען אז אין דיא צייטען פון שמואל הנביא און אמהויבט אין דיא צייטען פון קעניג חזקיהו זיינען דיא קינדער־שוהלען געשטאנען זעהר הויך ביי אידען.

.2

אחז דער קעניג פון יהודה, האט פערשלאסען די טהירען פון אלע שוהלען אין לאנד 12 * ער האט אויך ניט געשאנעוועט דיא קליינע און האט ניט ערלויבט מען זאל לערנען אין דיא קינדער־שוהלען. ויהי בימי אחז אמר אם אין גדיים אין תישים, אם אין תישים אין צאן, אם אין צאן אין רועה; לומר: אם אין קטנים אין תלמידים, אם אין תלמידים אין חכמים, אם אין חכמים אין זקנים, אם אין זקנים אין נביאים, אם אין נביאים אין הקדוש־ברוך־הוא משרה שכינתו עליהם. מה עשה? עמד ונעל בתי־כנסיות ובתי־מדרשות 13 * אחז האט געזאגט; ווען עס וועלען ניט זיין קיין קליינע שילער וועלען קיין גרויסע געווים ניט זיין, אין אנדערע ווערטער הייסט עס, ווען מען וויל אויסראטען ביא אידען דיא חכמים, דיא געלערענטע מענער, זאל מען פערניכטען דיא קליינע חדר־אינגלאך.

---

10 * ב״ר פ׳ ס״ה, איכ״ר.
11 * בראשית כ״ז, כב׳.
12 * פתיחתא דרות רבה, אחז.
13 * ירושלמי סנהדרין פ׳ יא׳, וויקרא פ׳ יא׳.

„אמר ר' נחמן בר אבא: היתה פנינה משכמת ואומרת לה: חנה, אין את עומדת ומרחצת פניהם של בניך, כדי שילכו לבית־הספר; ובשש שעות היתה אומרת לה: חנה, אין את עומדת ומקבלת בניך שבאו מבית־הספר *3 פנינה פלעגט רייצען חנה'ן מיט דיזע ווארטען: „חנה! פאר וואס שטעהסט ניט אויף פאר וואס וואשסטו ניט אהם דיינעקינדער אום זייא זאלען געהן אין חדר?" און דאס גלייכען ווען דיא קינדער פלעגען צוריק קעהרען פון חדר, פלעגט זיא איהר ווידער רייצען: חנה! פאר וואס געהסטו ניט ענטגעגען דיינע קינדער זייא מקבל פנים זיין? אין דער צייט פון שמואל הנביא זיינען דיא קליינע קינדער געווען געלערענט וויא עס ווערט געבראכט אין מדרש: תינוקות שהיו בימי שאול ושמואל היו דורשין את התורה מ"ט פנים וכו' *4 ווידער אנדערע דענקען אז קינדער שוהלען האבען עקסיסטירט ביא אידען נאך אין דיא גאנץ אלטע צייטען.

איך וועל ציטירען דיא מאמרים און אגדות וויא ווייט מיר איז בעקאנט און דער לעזער זעלבסט וועט זיך קענען מאכען א בעגריף איבער די יעזע פראגע.

דיא קוועלע פון אונזערע טראדיציאנען וועלכע איך ברייננג דא געפינען זיך דיא מערסטענס פון זייא אין תלמוד און מדרשים וועלכע אונזערע געלעהרטע האבען ניט פערגעסען צו זאמלען אלע אידישע לעגענדען, פאלקס געשיכטען, אונטער דעם נאמען הגדה.

שם דער זוהן פון נח און דער שטאמ־פאטער פון אלע סעמיטישע שטאמען, איז געוועזען דער גרינדער פון דער ערשטע שוהלע, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען פון עבר, איינעם פון זיינע אור־אייניקלעך *5 יענע שוהלע האט געבליהט פיעלע יאהרען אויך נאך דעם טויט פון זייערע קינדער און איז געווען בעקאנט אונטער דעם נאמען „בית המדרש של שם ועבר„ *6 נאך אנדערע הייסט עס, אז עבר האט אויפגעשטעלט נאך א שוהלע א חוץ דער ערשטער וואס זיין עלטער זיידע האט געגרינדעט „שני אלהים„ בית מדרשו של שם ובית מדרשו של עבר *7 עס ווערט אויך אויסגערעכענט און איבערצייגט אז יעקב האט פערבראכט 14 יאהר אין „בית עבר„ וואו ער האט זיך בעהאלטען פון זיין ברודער עשו *8 דער מדרש דערצעהלט אז יעקב און עשו זיינען ערצויגען געוואָרען אין איינע פון יענע שוהלען ביז דרייצען יאהר *9 דאס צייגט אז אין דער

---

*3 פסיקתא.

*4 מדרש תהלים ז', ו'.

*5 בראשית יא', י"ד.

*6 ב"ר פס"ג אות ז', רש"י בראשית כ"ח.

*7 שם אות ו"ד, נאך דעם נאמען וואס דער מדרש גיט אן „בית המדרש„ ווייזט אויס אויבער פלעקליך אז זייא זיינען געווען פאר ערוואקסענע מענער; עס איז אבער א פאקט אז אין דיא אלטע צייטען האט מען געהאלטען דיא קינדער־שוהלען אין בית המדרש.

*8 מגילה י"ז עא'.

*9 ב"ר יא'.

פאר די עלטערן וואס קארגען בון דיא שבר למוד. זובען בילינע לעהרער אום עס זאל זייא קאסטען וויניגער—פאר דיעזע עלטערן האבען דיא הכמים אויך געהאט א ווארט: כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ, מהוצאת בניו לתלמוד תורה, שאם פחת פוחתין לו, ואם הוסיף מוסיפין לו. 24 * דעם מענשען'ס פרנסה פאר דעם גאנצען יאהר ווערט בעשטימט אין אנפאנג יאהר אויסער דיא אויסגאבען פאר דיא אידישע ערציהונג פון זיינע קינדער. אויב ער האט איינגעשפארט אין דעם פערגאנגענעם יאהר קריגט ער דעם יאהר וויניגער, אבער, אויב ער האט עס פערגרעסערט קריגט ער מעהרער.

אין דיעזען קאפיטעל האב איך ציטירט דיא בעסטע מאמרים וועלבע צייגען וויא טהייער און היילינ קינדער ערציהען איז געוועזן בייא אידען, אין דעם צווייטען קאפיטעל וועט דער לעזער געפינען איין וואהרען אוצר פון מאמרי חז"ל און געגויע אויסקינפטע וועגען דיא קינדער שוהלען בייא אינז א מאל, זייער הארקטער וואס זייא האבען געטראגען און וויא הויך זייא זיינען געשטאנען ביים פאלק.

---

# ב'

# אידישע קינדער שוהלען

---

עס איז זעהר שווער צו בעשטימען ווען עס האבען זיך אנגעפאנגען קינדער שוהלען בייא אידען: פיעלע דיינקען דאס דיא פעריארע פון קינדער שוהלען בייא אידען, האט זיך אנגעפאנגען אין דער צייט פון קעניג חזקיהו ווייל יענע צייט פון קעניג חזקיהו רופט זיך דיא גאלדערנע צייט בייא אידען: חזקיהו וסיעתו כתבו ישעיה משלי שיר־השירים וקהלת 1 * חזקיהו אין זיין צייט האט געלאזט אויפשרייבען דיא ספרים ישעיה, משלי שיר־השירים און קהלת: אלע פון קליין ביז גרויס האבען געלערנט און האבען געקענט בדקו ולא מצאו תינוק ותינוקות שלא היו בקיאין וכו' 2 * מען האט געזוכט און מען האט ניט געפונען קיין אונוויסענדע, אונגעלערענטע זאגאר קליינע קינדער זיינען געוועזן בעקאנט מיט דיא הארבסטע פראגען פון דינים: אנדערע זאגען אז אין דער צייט פון שמואל הנביא און זאגאר בעפאר זיין געבורטה זיינען שוין געוועזן אידישע קינדער שוהלען:

---

24 * ביצה ט"ז, עא'.

1 * ב"ב י"ה, ט"ו

2 * סנהדרין צ"ה, עב'

זיך איינגעוואהנען מיט דברי תורה. אנשים באים ללמוד, נשים באין לשמוע, טף למה באין? כדי ליתן שכר למביאיהן [20] מענער קומען לערנען, פרויען קומען הערען וויא אנדערע לערנען, צו וואס קומען נאך דיא קליינע קינדער וועלכע פערשטעהען גאר ניט? אום צו געבען געצאהלט דיא וועלכע בריינגען זייא און פלאנצען אין זייא איין דיא ליעבע צו דער תורה. ר' יודן נשייא שלח לרבי חייא ולר' אמי למיעבור בקירייתא דארעא דישראל למתקנה לון ספרין ומתנַיינו. עלין להד אתר ולא אשכחין לא ספר ולא מתניין, אמרין לון אייתון לן נטורי קרתא, אייתון לון נטורי קרתא א"ל אינן אלא מחריבי קרתא וכו' [21]

רבי חייא, רבי אסי און ר' אמי זיינען געשיקט געווארען דורך צופאהרען איינינע שטעדט אין ארץ ישראל, איינארדנען סקוהלס און אויעקשטעלען לערער וואו מען דארף, אין איין שטאדט האבען זייא ניט געפונען קיין שפור קיין צייכען פון חדרים און פון לעהרער וועז דיא בעלי בתים דיא פיהרער פון שטאדט זיינען געקומען זייא בעזוכען האבען דיא חכמים פון זייא פערלאנגט אז זייא זאלען בריינגען דיא שומרים, דיא וועכטער פון שטאדט. זייא האבען גלייך געבראכט דיא פאליציי בעאמטע „אט דאס זיינען דיא וועכטער פון אייער שטאדט?„ האבען דיא חכמים זייא געפרעגט מיט איראני—אט דאס זיינען דאך גאר דיא צושטערער וועלכע מאכען חרוב א שטאדט! ווער דען זיינען דיא וועכטער פון שטאדט? —האבען די בירגער געפרעגט מיט גרויס פערוואונדערונג— אויב ניט דיא פאליציי? דיא שומרים פון שטאדט האבען דיא חכמים ערקלעהרט—זיינען דיא לעהרער, מעהר לעהרער—וועניגער ריכטער מעהרער שילער —אלס וויניגער פערברעכער וועלען בייא אייך זיין וואס מעהר סקוהלס אלס וויינִיגער וועלען ווערען דיא צאהל פון אייערע געפענגניסע און איהר וועט ניט דארפען קיינע פאליציי

אלס איינע פון דיא אורזאכען צוליעב וועלכע ירושלים איז חרוב געווארען גיבען אן אונזערע חכמים דיא פערנאכלעסיגקייט פון דער קינדער ערציהונג: לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו בה תינוקות של בית רבן [22] ירושלים איז צושטערט געווארען ווייל, זייא האבען צוריק געהאלטען זייערע קינדער פון לערנען. אונזערע חכמים זיינען געגאנגען נאך ווייטער און האבען געזאגט: אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש [23] מען טאר ניט צו ריקהאלטען קינדער פון לערנען אפילו צוליעב דעם אויפבויען פון בית המקדש. דער בית המקדש איז געווען גענוג הייליג און עס אויפבויען איז געווים וויכטיגער וויא אירגענד וועלכע שוהל און דאך איז קינדער לערנען געשטאנען העכער ווי א געוויסער אידישער געלערטער האט זיך אויסגעשפראכען „איך האב דעם בית המקדש בייא מיר אין שטאדט און דעם ארון קודש בייא זיך אין הויז„ מיינע קינדער לערנען מיט חשק און רעדען פליסיג דיא העברעאישע שפראכע און דאס איז ביי מיר טייערער פון אלעס.

---

[20] חגיגה ג'.

[21] ירושלמי חגיגה, פא', מדרש רבת איכה.

[22] שבת קי"ט.

[23] שם.

ביידע, דיא מוטער אזוי וויא דער פאטער זיינען פערפליכטעט צו לערנען זייער קינד תורה און זארגען פאר זיין אידיישער ערציהונג.

המדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה, עליו הכתוב אומר, וידעת כי שלום אהלך 13 * רער וואס ערציהעט זיינע קינדער אין דעם ריכטיגען וועג, מעג זיין זיכער אז בייא איהם אין הויז וועט אימער הערשען פרידען, און ער וועט האבען פון זייא פיעל פערגעניגענד. דיא חכמים האבען גיט געוואוסט, או דער צוקונפט פון א נאציאן ווענדעט זיך אן דעם אינטערעס. וואס דיא עלטערען נעמען אין דיא ערציהונג פון זייערע קינדער. אין דעם ווירקונג וואס דיא עלטערען האבען אויף דעם יונגען צוקונפטיגען דור. אל תקרא בניך אלא בוניך 14 * רוף זייא ניט קינדער נור בוי־מייסטערס. ווייל זייא דער יונגער דור. זיינען דיא אויפבויער, דיא בוי־מייסטערס פון דער נאציאן.

רבה בר רב הונא פלעגט ניט אנבייסען בעפאר ער האט ניט אוועקגעפיהרט זיין קינד אין חדר לערנען 15 * רבי חייא בר אבא האט אנגעטראפען רבי יהושע בן לוי. עס איז געווען גאנץ פריה, רבי יהושע בן לוי איז נאך ניט געווען אנגעקליידעט וויא עס געהער צו זיין וויא עס פאסט פאר אזא גרויסען מאן: אייב'ן קאפ האט ער געטראגען א מין טיילאך, איז געלאפען האסטיג און האט געפיהרט א קליינעם קינד ביי דער האנד „וואס עפעס אזוי פריה?„ האט איהם רבי חייא געפרעגט. „איך פיהר מיין קינד אין חדר„—האט ר' יהושע בן לוי געענטפערט־און דאס איז דאך גלייך ווי קבלת התורה. 16 * רבי חייא בר אבא פלעגט זיך ניט זעצען עסען בעפאר ער האט געלערנט מיט זיין קינד 17 * זייער גאנצע אינטערעס אין לעבען איז געווען צו ערציהען זייערע קינדער מיט תורה און דרך ארץ.

דיא טעכטער האט מען אויך געלערנט, ערציגען, וויא ווייט דיא אומשטענדען האבען ערלויבט, מיט לעהרע און דרך ארץ. ווייל דיא ערציהונג פון צוקינפטיגען דור ווענדעט זיך ווי פיעל און ווי ווייט די מוטערס זעלבסט זענען געבילדעט און וואס פאר א בעגריף זייא האבען פון אונזער פאלקס פערגאנגענהייט.

דער פאר האט בן עזאי געזאגט: חייב אדם ללמוד את בתו תורה 18 * א יעדער איז פערפליכטעט צו לערנען זיין טאכטער תורה 19 *

עס פלעגט זיין איינגעפיהרט דאס גאנץ קליינע קינדער פלעגען קומען אין שוהל אין דער בעגלייטונג פון זייערע עלטערען, אום זייערע אויערען צו געוועהנען

13 * יבמות ס"ב, ע"ב.

14 * סוף ברכות ס"ד.

15 * קידושין ל', עא'.

16 * שם

17 * שם.

18 סוטה כ', עא'.

19 * עס האבען זיך געפונען בייא אונז פרויען וועלכע זיינען געווען העכסט געבילדעט אויך אין דיא אלטע צייטען, וויא — ברוריה אשת רבי מאיר און פיעלע אנדערע.

זוכה צו האבען א טהייל אין דער תורה? דער מיט וואס זייא ברייננען זייער׳ע קינדער אין חדר לערנען. דאס גלייכען ווערט אייך עראינערט אין מדרש אונגעפעהר מיט ריעזע ווארטען. וגם הנשים ינהיגו בניהן לתורה *7 ווייל דיא מיטער, וועלכע איז אימער אין הויז צוזאמען מיט דיא קינדער, קען אויף זייא בעסער אכטונג געבען וויא דער פאטער וועלכער איז פערטהאן מיט זיין פרנסה. *8

עס איז איין אונבעשטרייטבארער פאקט, דאס דיא מעהרסטע יונגע לייט דיא משכילים און דיא נאציאנאליסטען וועלכע זיינען איבערגעגעבען צו זייער נאציאן מיט לייב און לעבען, האבען צו פערדאנקען דעם איינפלוס פון זייער מוטער.

משה רבינו האט פארגעשטעלט דיא מצוה פון ולמדתם את בניכם אלס איינע פון דיא הויפט עיקרים פון דער תורה. און דער תלמוד ערקלעהרט, אז דיא מצוה פון תלמוד תורה איבערטרעפט גאר אלע איבעריגע מצוות. *9

דיא שטארקייט און דיא אייביגע עקזיסטענץ פון דיא אידען, אלס פאלק ליגט אין דיא אויפריכטיגקייט פון דער אידישער קינדער־ערציהונג: אין העולם מתקים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן *10 דיא אידישע וועלט דאבען אונזערע געלערנטע געזאגט—האט א קיום נור דורך דעם לערנען (ב.ה. דיא קליינע קינדער אין חדר. —דיא הגדה דערצעהלט אונז א שעהנע געשיכטע פון דער צייט פון מתן־תורה. *11

ווען די אידען זיינען געשטאנען אלע אין טויט שרעק אונטער דעם בארג סיני גרייט צו נעמען דיא תורה, האט זיך פלוצלינג דערהערט א געטליכע שטימע וועלכע האט אויסגערופען: ווער איז דאס פאר אייך ערב. אז איהר וועט האלטען מיין תורה? האבען דיא אידען אנגעגעבען זייערע עלטערען (אבות) אלס ערבים. אבער גאט האט אזא ערב ניט אנגענומען. אבער ווען דיא אידען האבען אויסגערופען „אונזערע קליינע קינדער וועלען דארויף פרזיכער׳ען‟, האט גאט אנגענומען מיט ליעבשאפט דיא קליינע גאראנטי און נור דורך זייא האט גאט אונז געגעבען דיא תורה. איבער דעם איז יעדער פאטער מחויב ארייצובריינגען זיין קינד אין חדר, איהם לערנען תורה און איהם ערציהען מיט דרך ארץ און מעשים טובים.

אויף דעם זאגען אויך אונזערע חכמים, דער וואס לערנט זיין קינד תורה איז גלייך וויא ער וואלט דיא תורה ערהאלטען אויף דעם בארג סיני. *12

---

*7 ש"ר, ב"ח.

*8 דיא כקוהל פאר קליינע קינדער פלעגט זיין אין שוהל, און דיא חזני העיר פלעגען מיט זייא לערנען. החזן רואה היכן התינוקות קוראין. משנה שבת יא׳.

*9 פאה פא׳.

*10 שבת קי"ט.

*11 שיר השירים רבה על ה"פ משכני מדרש ש"ה, בשנוי לשון קצת.

*12 ברכות כא׳.

דינג, א פאקט פון דער היסטאריע פון זיין פאלק. עס איז דיא פפליכט פון פא־טער, ער זאל עס ערקלעהרען זיין קינד.

צום ביישפיעל: פארצייטען, ווען דאס קינד האט געזעהען וויא דער פא־טער נעהמט דאס ערשט געבארענע שעפסעלע און איז עס מקריב פאר א קרבן; האט ער געפרעגט דעם פאטער — פאר וואס ער טהוט דאס? דאן האט דער פאטער דערצעהלט דעם קינד דיא גאנצע געשיכטע פון יציאת מצרים, פון פינסטערען גלות, פון דיא עשר מכות, ביז ער איז געקומען צו מכת בכורים. אנשטאט דיעזעס האבען מיר יעצט דיא סדר־נאכט. מען מאכט בכיון פער־שיעדענע צערמאניעס אום דאס קינד זאל פרעגען מה נשתנה. וואס איז עפעס היינטיגער אבענד אזוי פערשיעדען פון אלע אנדערע נעכט פון א גאנץ יאהר. און דער פאטער ערקלעהרט איהם דיא אידישע געשיכטע פון יענער צייט אזוי איז אויך דיא סוכה, דיא ד' מינים און דיא „חנוכה ליכטלאך„

עס איז ווערטה צו געדענקען דאס עס איז צווייפעלהאפט אויב אין דיא אור אלטע צייטען פון אונזער געשיכטע האט אונזער פאלק געהאט שוהלען בפעשיאל פאר קליינע קינדער. [*2] נור דיא עלטערען זעלבסט זיינען געוועזען דיא לעהרער פון זייערע קינדער. שמע בני מוסר אביך ואל תטש תורת אמך. [*3] „הערצו מיין זוהן דעם מוסר פון דיין פאטער און פערלאז ניט דיא לעהרע פון דיין מוטער„ ווערט פיעלע מאל ווידערהאלט אין משלי. העריבער איז נאך עד היום ביי אונז אידען דער מנהג צו רופען דעם פאטער „אבי מורי„ דאס הייסט: „מיין פאטער - מיין לעהרער„. און דיא מוטער רופט מען „אמי מורתי„ מיין מוטער מיין לעהרערין.

קטן היודע לדבר אביו לומדו תורה [*4] כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מדבר עמו לשון הקודש ומלמדו תורה [*5] אונזערע חכמים פערפליכטען דעם פא־טער דאס, ער מוז זיך אינטערעסירען מיט זיין קינד'ס ערציהונג און איהם אנפאנגען לערנען ווען ער איז נאך יונג. גלייך וויא דאס קינד פאנגט אן רעדען דארף דער פאטער אנהויבען רעדען מיט איהם אין העבראאיש און איהם לערנען תורה.

זאגאר דיא פרויען וועלכע האבען א קליינע צאהל מצוות נאכצוקומען הא־בען אויך אויף זיך דיא פפליכט פון איין לעהרערין, זייא דארפען אכטונג געבען אויף זייערע קינדער דאס זייא זאלען לערנען און רעספעקטירען דעם הדר. אונזערע חכמים רעכנען עס פאר א גרויסען זכות פאר זייא: נשים במאי זכיין? באקרויי בנייהו לבי כנשתא [*6] מיט וואס זיינען דיא פרויען

---

[*2] פאר קליינע קינדער, וורייל שוהלען פאר דערוואקסענע מענער האבען מיר אידען אימער געהאט. זעה קאפיטאל ב' „אידישע קינדער שוהלען„

[*3] משלי א', ח', ו' ב'.

[*4] סוכה מ"ב: ילקוט קדושים.

[*5] ספרי עקב, ילקוט תורה תתע"א.

[*6] ברכות י"ז, ע"א.

# קינדער ערציהונג

## בײ אידען

### א'

---

קײן פאלק אין דער װעלט האט ניט איבערגעלאזען אזוי פיעל דאקומענטען איבער קינדער ערציהונג, װיא דאס אידישע פאלק און בײ קײן פאלק אין דער װעלט אויסער דעם אידישען איז דיא קינדער ערציהונג ניט געװען א געבאט פון זײער גאט, א געזעץ פון זײער רעליגיאן.

מיר האבען א קלארען, גענױען און דײטליכען בעפעהל פון משה רבינו; „ולמדתם אתם את בניכם לדבר בם, בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך. וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך„ 1 * דוא זאלסט זײא לערנען מיט דײנע קינדער זײא זאלען רעדען פון זײא — פון מײנע געבאטע — װען דוא זיצסט אין דער הײם װען דוא געהסט אין װעג, װען דיא לײגסט זיך שלאפען און װען דוא שטעהסט אויף און זאלסט זײ אויסשרײבען אויף דײנע טהירען און טהויערען.

דא האבען מיר עס גאנץ דײטליך אז דער פאטער איז פערפליכטעט צו לערנען זײן קינד דיא תורה און זאגאר „זײא אויסשרײבען„ און אלע זאלען עס פערשטעהען צו לעזען, צו יעדער צײט דארף דער פאטער רעדען מיט זײן קינד פון דער תורה און איהם ערקלעהרען אלע צערמאניעס און געזעטצע.

עס געפינען זיך נאך אײניגע מאל והגדת לבנך, ואמרת אליו, למען תספר, דוא זאלסט עס דערצעהלען, ערקלעהרען און גוט אײנלערנען מיט דײן זוהן אים ער זאל זיך בעקענען מיט דער היסטאריע פון זײן פאלק.

דאס גאנצע לעבען פון דעם אידען איז אזוי ענג פערבונדען און פערקניפט מיט ערא‎ינערונגען פון זײן געשיכטע.

יעדער יום טוב דערמאנט איהם אין א בעגעבענהײט װעלכע האט פאסירט מיט זײן פאלק. יעדער פײערטאג ערא‎ינערט איהם א טראדיציאן און איבעליפע־

---

1 * דברים יא', י"ט, כ.

כל המלמד לבני תורה מעלה עליו הכתוב כאלו קבלה מהר חורב 9* דער וואס לערנט זיין קינד תורה איז גלייך וויא ער זעלבסט וואלט דיא תורה ערהאלטען אויפ'ן בארג סיני. אל תגעו במשיחי—אלו תינוקות של בית רבן 10* דיא קינדער ווערען אנגערופען גאט'ס געזאלבטע, און ווען זייא זיטצען אין חדר און לערנען זיינען זייא הויך געאכטעט ביי גאט. אין אלגעמיין זיינען דיא קינדער געווען טהייער און ליעב ביים אידישען פאטער און זיי ערציהען אין תורה און גוטע זיטען איז געווען דער הויפט ציעל פון זיין לעבען. מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה. 11* ר' נהוראי זאגט איך לאז אוועק אלע פראפעסיאנען וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, און איך לערען מיין קינד נאר תורה. אזוי שטארק האט דער איד געליעבט תורה אז קיין פראפעסיאן איז ביי איהם געווען אזוי טהייער וויא ערציהען זיין קינד מיט תורה.

איזהו עם הארץ? 12* כל שיש לו בנים ואינו מגדלם לתלמוד תורה 13* דיא חכמים האבען געפרעגט: „ווער רופט זיך איין עם הארץ, א פראסטאק? דער וועלכע האט קינדער—האט מען געענטפערט—און ערציהעט זיי ניט מיט תורה„ אזא פאטער, האט מען גאנץ ווייניג רעספעקטירט און זאגאר פעראכטעט.

דער וואס האט א קינד, וועלכעס לערנט תורה וועט זיין אנדיינקונג איביג בלייבען אויף דער וועלט און איז וויא ער וואלט קיין מאל ניט שטארבען 14*

עס געפינען זיך נאך אזוינע שפריכע און לעהרען איבער קינדער־ערציהונג צו ווארפען אין תלמוד, מדרשים און אנדערע אידישע דאקומענטען, אז מען וואלט פון זייא געקענט צוזאמענשטע־לען דאס גאנצע סיסטעם. דיא גאנצע מעטהאדען פון קינדער ערציהונג ביים אידישען פאלק, און דאס איז וואס מיר ווילען פרובירען.

---

9* ברכות כ"א, עב.

10* שבת קי"ט.

11* קדושין פ"ב, עא'.

12* ע"ד מושג השם הזה מעיר ספר האסופות דף תתשצ"ו, מה שהעולם אומר עם הארץ לאדם שאינו יודע ללמוד מפסוק זה: עם ה' אלה ומארצו יצאו יתתרגמינן ומדאורייתא נפקו ועיין אור זרוע דף ה"סי' ד".

13* ברכות מ"ז, עב'.

14* בראשית רבה פ' מ"ש.

גאט זאגט: איך ליעב אברהם'ן, ווייל ער גיט זיך אפ מיט דער ערציהונג פון זיינע קינדער און מיט זיין פאמיליע, דאס זיי זאלען אפהיטען וואס עס איז גוט און ריכטיג.

דער גאנצער שבט לוי איז בעשטימט געווארען אלס דיא לעהרער פון פאלק *2 מען האט זיי קיין טהייל ניט געגעבען אין דער פערטהיילונג פון לאנד, דאס פאלק האט זייא בעדארפט אויסהאלטען, ווייל זייא זיינען געוועזן דיא לעדרער, דיא מלמדים פון פאלק.

צוויי שבטים האבען געהאט צווישען זיך איין אבמאך איינער זאל האנדלען דער צווייטער זאל שטודירען און אזוי איז געוועזן: דער שבט ישכר האט זיך אבגעגעבען נור מיט לערנען און דער שבט זבולן האט איהם אויסגעהאלטען. *3

מורים, מלמדים, אומנים, מבינים און משכילים ווערען עראינערט אין תנ"ך אלס דיא לעהרער פון פאלק וועלכע האבען זיך אפ געגעבען נור מיט קינדער ערציהונג. אונזערע געלעהרטע האבען געהאלטען זייערע שילער אזוי טהייער וויא אייגענע קינדער: ושננתם לבניך אלו תלמידיך *4 דוא זאלסט מיינע געזעצע שארף לערנען צו דיינע קינדער, דאס מיינט מען דיא שיללער. דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קימת לו לעולם הבא זה המגדל בניו להלמוד תורה. *5 דער וואס האדעוועט און ערציהעט זיינע קינדער מיט תורה, עסט דיא פרוכט דערפון, דעם פראצענט אויף דער וועלט, און דער קרן, דער פרינציפאל בלייבט פאר איהם אויף דער צוקונפטיגער וועלט.

הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד זה הלומד תורה ומלמדה *6 דער וואס לערנט זעלבסט דיא תורה, און נאכהער לערנט ער עס צו א צווייטען, אויף דעם קען מען זאגען אז ער איז ווירקליך רייך, און זיין גוטע טהאט וועט בלייבען אלס איין אייביגע אנדענקען.

כל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו *7 דער וואס לערנט תורה מיט'ן צווייטענס קינד איז גלייך וויא ער וואלט ווערען זיין פאטער.

דבר ה" בזה, זה הלומד תורה ואינה מלמדה *8 אומגעקעהרט, דער וואס לערנט תורה, אבער נור פאר זיך און וויל ניט לערנען מיט'ן צווייטען, איז געגליכען וויא ער וואלט פעראכטען גאטעס ווארט.

---

*2 דברים ל"א, ט". ל"ג, י.
*3 שמח זבולן בצאתך ויששכר באוהלך, בראשית מ"ט, י"ג רש"י.
*4 ספרי דברים, ו", ז".
*5 שבת קכ"ז, עא'.
*6 כתובות, נ", עא'.
*7 סנהדרין, י"ט, עב'.
*8 שם צ"ט, עא'; ספרי פרשהשלח.

# איינלייטונג

דיא פראגע פון קינדער ערציהונג איז געווארען א מאגעס פראגע. פילי־זאפען און שריפטשטעלער בעשעפטיגען זיך מיט דיעזע פראגע. פיעלע האבען זאגאר איהר געמאכט פאר זייער לעבענס שטודיום. פיעלע נייעסען זיינען אויפ־געטהאן געווארען אין בעציהונג צו דיעזע פראגע. דער גייסט פון זוכען און פאר־שען דיא נייע מעטהאדען וועלכע ווערען טאג־טעגליך בענוצט אין נאטור וויסענ־שאפט און פילאזאפיע, זיינען אויך אנגעווענדעט געווארען צו קינדער ער־ציהונג.

דיא פראגע וועגען ערציהען אידישע קינדער ווערט אויך פון לאנג בעשפרא־כען פון פערשיעדענע שטאנד פונקטען און זיא איז נאך ביז יעצט ניט געלעזט געווארען וויא עס געהער צו זיין; זיא בלייבט נאך א י מ ע ר א פראגע.

מיט דיעזע אויסגאבע וועלען מיר פרובירען בעלייכטען דיעזע פראגע געשיכטליך, פיליכט וועט עס אונז געלינגען דיא לעזונג לייכטער צו מאכען. מיר גלויבען אז אין אזעלכע זאכען איז דיא געשיכטע דער בעסטער לעהרער. זיא קען אונז וייזען דעם ריכטיגען וועג וויא מיר זאלען צוטרעטען צו לעזען דיע־זע וויכטיגע פראגע.

ביי אנדערע נאציאנען איז דיעזע פראגע שוין כמעט אין גאנצען געלעזט געווארען. אבער ביי אונז אידען איז עס פון דיא גרעסטע שווערינקייטען. דיא אורזאכע דאפון איז, וייל מיר אידען האבען א דאפעלטע אויפגאבע אין ערציהען אונזערע קינדער: ערשטענס צו מאכען זיי פאר מענשען און צווייטענס איינצופלאנצען אין זיי דעם גייסט פון יודענטהום און געפיהל פון ליעבע צום אידישען פאלק און וויא צו לעבען צווישען מענשען.

פון אימער אן איז דער הויפט שטרעבען ביי אידען געווען דיא קינדער ער־ציהונג: כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט. 1

1 בראשית, י״ח, י״ט.

האבען אידען אימער געזאגט אז דיא תורה איז דיא בעסטע סחורה און האבען ערצויגען זייערע קינדער פאר לומדים.

דיא קינדער האבען אויך געטהאן דאס זעלבע וויא זייערע עלטערען. דיא תורה איז געווארען דעם אידענס לעבענס־בעגלייטערין, א טהייל פון זיין לעבען זיא איז איבערגעגאנגען פון פאטער צום קינד, פון דור צו דור, ביז זיא איז געווארען דאס אייגענטהום פון דעם אידישען פאלק.

מיר האבען אלעס פערלארען, אלעס האט מען פון אונז אוועק גענומען. נור דיא תורה איז קיינער ניט געווען אימשטאנדע פון אונז צו רויבען. נור זיא איז אונז געבליבען, דיא אידישע קינדער־ערציהונג אין תורה און מעשים טובים איז געווען דער לעבענס־מיטעל פון אידישען פאלק, א מיטעל וויא אויפצוהאלטען אונזער עקזיסטענץ. עס האט אונז ביז יעצט געלונגען. דער מיטעל איז איין אלטער אבער א זיכערער. ער איז פאר אונז געווען דער שטארקסטער און זיכערסטער פעסטונג. און דאס איז דער סוד פון אונזער לאנגען עקזיסטענץ אין גלות.

עס שטעלט זיך אבער דיא פראגע אין וואס ליגט אונזער קראפט. אין וואס ליעגט דער סוד פון אונזער מאכט אויסצושטעהען און איבערטראגען אלע צרות ענוים, שרעקליכע ליידען און דאך עקזעסטירען אויף דער וועלט?

דער אנטווארט איז גאנץ איינפאך:

דיא מאכט פון אידישען פאלק און דער סוד פון זיין לאנגען עקזיסטענץ ליעגט אין דיא אויפריכטיגע און זארגפאלע ערציהונג פון זיינע קינדער.

יעדער איד ווייס אז ער איז פעראנטווארטליך פאר זיין תורה. ער איז א קינד פון דעם פאלק וואס האט געשאפט דיעזען גרויסען אוצר אין דער וועלט און ער איז דער וועבטער וועלכער האט גענומען די תורה אויף זיין פעראנט־ווארטליכקייט דארום האט ער איד אימער אכטונג געגעבען און געזעהן מיט אלע מעגליכקייטען אז דיא תורה זאל האבען א קיום און זאל איבערגעהן צו זיינע קינדער.

אין דער צייט, ווען אלע פעלקער, ביי וועלכע דער איד האט געלעבט, האבען געראבירט און געמארדעט איינער דעם אנדערען, האבען געפיהרט בלוטי־גע קריגערייען און האבען געברענט שטעדט און דערפער.—איז דער איד געזעסען אין זיין קליין צימערעל און האט געלערענט מיט זיין קינד תורה. אין דער צייט ווען דער איד האט זיך ניט געטארט ווייזען אויפ'ן גאס, אין דער צייט ווען קומען אהיים און געפינען דיא פאמיליע געזונד און גאנץ, איז געווען א צייכען אויף גאט'ס גנעדינקייט, איז דיא אידישע מוטער געזעסען אין טיט שרעק, ביי איהר קינד'ס וויגעלע און געזונגען „תורה איז די בעסטע סחורה".

אט אזוי האט זיך דער איד אימער איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע צו זיין תורה און מיט זיין קינד'ס ערציהונג. דער קינד איז ערצויגען געווארען אין ליעבעס געפיהלען און רעספעקט צו זיין תורה. יעדער פאטער האט גע־זוכט מיט אלע מעגליכקייטען צו מאכען זיין זוהן פאר א למדן, האט אויסגע־טהאן דעם לעצטען בגד פון זיין קערפער צו צאהלען רבי־געלד, שכר למוד און צו קויפען ספרים פאר זיין זוהן. דיא וואס האבען זיך געווידמעט פאר דער תורה, דיא וואס האבען מקריב געווען זייער לעבען פאר דער אידישער וויסענ־שאפט, זיינען געשטאנען אז דער שפיצע פון אידישען פאלק. דער איד וואס האט ניט געקענט לערנען האט זיך גערעכענט פאר דעם קלענסטען פון אידישען פאלק. יחוס איז געמאסטען געווארען נאך למדות און עשירות איז בטל גע־ווארען נעגען למדות.

אמת, דיא תורה האט ניעמאלס געבראכט רייכטהום צו איהרע קענער, אבער זיא איז אימער געווען דער עץ חיים דער בוים פון לעבען פאר איהרע אנ־הענגער. דיא לומדים זיינען אימער געווען דיא פני, דיא פיהרער און פאר־שטעהער פון אידישען פאלק. דער בר תורה איז געווען דיא שעהנסטע פערזאן איהם דאבען אלע געגעבען כבוד, מיט איהם האט מען זיך געבענשט און ער האט געהאט דעם גאנצען איינפלוס אויף אידען. צוליעב דיעזע מעלות

# דער סוד פון אונזער : : עקזיסטענץ : :

לא מאסתים ולא געלתים (ויקרא כו", מד") — וכי מה נשתיר להם לישראל שלא נמאסו? והלא כל מתנות טובות שנתנו להם נטלה מהם, מה נשתיר להם? — זה ספר־תורה. שאם לא היה קים לישראל לא היו משנים מאומות — העולם כלום.

(תורת כהנים.)

ווען דאס בית המקדש איז צושטערט געווארען און דיא אידישע פאלק איז צוזייט און צושפרייט געווארען אין אלע לענדער און צווישען אלע פעלקער, האט אויסגעוויזען אזוי וויא דיא אידען וואלטען מיט איין מאל אפגעשניטען געווארען פון דער לעבעדיגער וועלט און דער נאמען „איד" וועט אין גאנצען פערגעסען ווערען. און דאס האט אויסגעזעהען גאנץ נאטירליך — ווען מען טראגט איבער א בלום פון איהר גארטען קאן זיא ווייטער בליהען און וואקסען, ווען מען טראגט איבער א בלום פון איהר בייט וועלען איהרע קוויטען נאך ווער־רען שענער. אבער ווען מען טראגט איבער א פאלק פון זיין לאנד ווערט ער שוואך און טוטהלאז, ביז ער גייט אונטער אין גאנצען און ווערט פערשלונגען צווישען זיינע שכנים. אזוי צייגט אויך דיא היסטאריע פון אנדערע גרויסע נאציאנען. כל זמן זייא זיינען געזעסען רוהיג אויף זייער אייגענעם באדען האבען זייא געבליהעט, אבער וויא זייא זיינען ארויס אין גלות און אבגע־ריסען געווארען פון זייער אייגען לאנד זיינען זיי געווארען שוואך, קלענער און וויניגער אין צאהל ביז זיי זיינען אין גאנצען פערניכטעט געווארען פון דער וועלט, זייער נאמען ווערט נור ערמאנערט צווישען דיא נעמען פון דיא אלטע פעלקער וואס האבען אמאל עקזיסטירט.

שוין בענאהע צוויי טויזענד יאהר וויא דער איד איז ארויס אין גלות ציים דאן וואנדערט ער ארום פון איין ארט צום צווייטען ניט געפינענדיג קיין מקום מנוחה פאר זיינע אויסגעמאטערטע פיס און מיעדע קאפ. און מערקווירדיג, ער לעבט! פון דיא ארמס פון טויט איז ער ארויס געקומען גאנץ און אונבעשע־דיגט. אלע פעלקער זיינען אויפגעשטאנען געגען דיא אידישע פאלק, האבען געפלאנט איהם צו פערניכטען און דאס אידישע פאלק לעבט! אונזערע שונאים אויף להכעיס.

מובטחני בו שיהיה מורה הוראהבישראל. גיטין נ"ח עא')
רבקה השניה (מדרש רבה, פא', ט'.)
מעשה באחד שבא לביהכנס" וכו'. אייתיה ליה מלח·
איכה רבתי א' ; כלה רבתי פ"י.)

# פרק י'

זכור אני שהיתה אמו מולכת עריסתו לב"יהכנס" בשביל שידבקו אזניו לדברי תורה· (ירושלמי פרק א' דיבמות.)

יהוי אוהב את בית המדרש, כדי שיבאו בניך לתלמוד תורה.
(דרך ארץ זוטא, ט')

איש חייב לחנך את בנו במצוה· (נזיר כ"ט. עא')

והקטנים שנושאים לבי"הכנס"המחזורים, ליתן שכר טוב למביאיהם.
בסמק' כי' מעיר צירוך הנמצא בביבליותיקה הקיסרית בווינא, דף ר"ז.)

מה שנהגו לאמר הפסוקים בקול רם, בגון"איש יהודי. ומרדכי יצא ליהודים, כי מרדכי, אינו אלא לשמח התינוקות·
(אסופות כי'.)

אמרי אינשי, שותא דינוקא בשוקא, או דאבוה או דאימיה.
(סוף סוכה·)

אל ימיל אדם אימה יתירה בתוךביתו. (גיטין ו' עב'.)
אביו של אדם כמלכו (פרקי דרא', פל"ט.)
אל יראה אדם לתינוק באזנו (שמחות פב' הל"ו.)
ואם לא! ראוי שלא בא לעולם, והיא כאילו קוברו.
(ילקוט תורה, רמז תת"ע.)

ראוי היה עזרא שתנתן תורה על ידו לישראל, אלמלא קדמו משה.
סנהדרין כא' עב'.)

בו.חלה. כשנשתכחה תורה מישראל, עלה עזרא מבבל ויסדה, חזרה ונשתכחה, עלה הלל הבבלי ויסדה, חזרהונשתכחה, עלו ר' חייא ובניו ויסדוה.
(סוכה כ', עא')

# שלוסס-וואָרט

,מולידין דלא כוותהון, מרביין דלא דמיין להון. (מדרש חזית פא')
אוי להם לרשעים, לא דיין שמחייבין את עצמן אלא שמחייבין לבניהן.
(יומא פ"ז, עא')
עלמא בחרובא אשכחתיה, כי היכי דשתלי לי אבהתי שתלי נמי לבראי.
(תענית כ"ג, עא')

ולפני עור לא תתן מכשול—במכה לבנו הגדול הכתוב מדבר.
(מוע״ק י״ז, עא׳.)

בשילה ובבית עולמים אין נפסלין אלא בקול. (חולין כ״ד עא׳)

---

# פרק ו׳

---

נר ישראל, עמוד הימיני, פטישהחזק׃ (ברכות כ״ח עב׳)

בתהלה מפתין אותו ואח״כ רצועה על גביו. (מחזור ויטרי)

לעולם ישליש אדם שנותיו, שלישבמקרא וכו׳ (קדושין ל׳, עא׳)

בבל! בלולה במקרא, בלולה במשנה, בלולה בתלמוד.
(סנהדרין כ״ד, עא׳)

אתה סובר שחדשת לעשות גירסא? אין לך תינוק שונה תלמוד שלא הגיה
(ספר הישר סימן תרל״ב, ובסימן תמ״ו)

מה שנהגו קדמונינו להתחיל המסכתות בראש־חדש, זהו להמתין הבחו־
רים הבאים מחוץ לעיר, ואף לסימן טוב׃ (סמ״ק, סימן קל״ו)

---

# פרק ח׳

---

אר׳ חנן: שתולים בבית ה׳—אלו התינוקות שהם בבית־הספר.
(מדרש ש״ט צ״ב)

כגנות עלי נהר—אלו מלמדי תינוקות שבישראל, שהם מוציאים מלבם
חכמה ובינה דעה והשכל ומלמדין להתינוקות לעשות רצון אביהם שבשמים.
(תבא, ילקוט בלק׃)

אשר פריו יתן בעתו—אלו התלמידים של אדם.
(מדרש ש״ט, א׳.)

---

# פרק ט׳

---

לפיכך נקראו ראשונים סופרים, שהיו סופרים כל האותיות שבתורה׃
(קדושין ל׳, עא׳)

עד דעייליה לתליסר בי כנישתא, כולהו פסקו ליה כי האי גוונא.
(חגיגה ט״ו, עא׳־עב׳.)

אמר ליה לינוקא, פסוק לי פסוקיך (גיטין נ״ו, עא׳; חולן צ״ה עב׳)

שלשה פסוקים שאמרו התינוקות למרדכי (מדרש אסתר)

מעשה בארבע מאות ילדים׃
(גיטין נ״ז, עב׳; מדרש תהלים קל״ז; ילקוט איכה רמז תתרב״ה.)

אשה ושבעה בניה. (שם נ״ז, עב׳.)

מבית אביה למדה שמעה התינוקות אומרות כן. (מגילה ט״ו עב׳.)

כשעומד רבי במסכת זו לא תשאלנו במסכת אחרת.
(שבת ג׳, עב׳.)

המשתמש בכתרה של תירר נעקר מן העולם.
(נדרים ס״ב, עא׳.)

כל הלומד תורה ומשכחה, דומה לאשה שיולדת וקוברת.
(סנהדרין צ״ט, עא׳.)

מעשה בתלמיד שבא לפני רב, ואחכ״ לפני שמואל. (קה״ר)

אין תלמיד חכם רשאי לישב בתענית, מפני שממעט במלאכת שמים.
(תענית י״א, עב׳.)

---

# פרק ה׳

---

מימות משה ועד רבן גמליאל לא היו למדין תורה אלא מעומד.
(מגילה כ״א, עא׳.)

אם בנערותך לא חפצתם, איך תשיגם בזקנותך
(אדרנ״ פכ״ד—ד׳.)

הלומד ילד למה הוא דומה לדיו כתובה על נזר חדש.
אבות פ״ד, מ״ב.)

הלומד בילדותו, ד״ת נבלעין בדמיו (אדר״נ פ׳ כ״ד)
בן ג׳ שנים לאותיות.
(מובא בדרכי משה בטור יו״ד סרמה׳ אות ד׳ ממדרש, ועיין תנחומא,
קדושים — י״ד.)

אלף, בית, גימל, דלת, אלף בינה גמול דלים וכו׳
(שבת ק״ה, עב׳.)

בן חמש שנים למקרא. (אבות)

יבואו טהורים ויתעסקו בטהרות.
(ויק״ר פ׳, ז׳; ילק״ש׳, מדרש תנחומא פ׳ צו׳)

אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי חכמה היודעים בשבעים לשון וכו׳
(סנהדרין י״ז, עא׳.)

לא לימא איניש לינוקא דיהיבנא לך מידי ולא יהיב ליה, משום דאתי לאגמוריה שיקרא. (סוכה מ״ו, עב׳.)

לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים. (שבת י׳, עא׳.)

כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטות.
(קדושין כ״ט, עא׳.)
(ירושלמי קדושין פ״ד, יא׳.)

לא ילמוד אדם את בנו אומנות שמביאה לידי גזל.

כל המונע לבנו מן המרדות סוף בא לתרבות רעה. (ש״ר רפא׳)

כל המיסר את בנו, מוסיף הבן אהבה על אביו והוא מכבדו.
(שם ריש פרשה שמות.)

תלמיד שלא ראה סימן יפה במשנתו חמש שנים, שוב אינו רואה.
(חולין כ"ד, עא'.)

# פרק ד'

הקדוש ברוך הוא יושב ומלמד **תינוקות** של בית רבן תורה.
(עבודה זרה ג', עב'.)

אשרי רבו שלמדו תורה (יומא פ"ו עא„)

ולא הקפדן מלמד. (אבות פ"ב, מ"ה.)

יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך. (שם, פ"ד מיב'.)

תלמידו של אדם, חביב עליו כגופו. (רשי', דברים ל"א כ"פ.)

תלמידו של אדם, נקרא בנו. (ויקר"ר פיא', ז".)

ולא נתן ה' לכם לב לדעת—עד היום הזה—אמר רבה: מכאן, שאין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה. (ע"ז, ה", עב')

מורא רבך כמורא שמים. (אבות)

אבדת אביו ואבדת רבו, אבדת רבו קודמת. (ב"מ, ל"ג, עא'.)

תורה שאין לה בית אב, אינה תורה. (ירושלמי שבת, פיט', הלא'.)

אינו דומה לומד מעצמו ללומדמרבו. (כתובות קיא' עב')

ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד—אלו מלמדי תינוקות.
(ב"ב ח" עב'.)

אם דומה הרב למלאך ה' צבאות, יבקשו תורה מפיהו.
(מוע"ק, י"ז; חגיגה ט"ו, עב'.)

אם ראית תלמיד שלמודו קשה עליו כברזל, בשביל רבו שאינו מסביר לו פנים. (תענית ח", עא')

תפסת מרובה, לא תפסת. (ר"ה ד', עב'; יומא פ' עא'.)

מקרי ינוקא וכו' כמותרין ועומדין נינהו.
(ב"ב כא', עב'; רמב'ם, הלכות שכירות ספ"י.)

הא בגדול והא בקטן. (חגיגה ט"ו, עב'.)

אם חבלו יותר מן הראוי לו, חייב. (תוספתא ב"ק ט')

קימה שיש בה הידור, ברבו המובהק מלא עיניו. (קדושין ל"ג עא')

ממ' נענש גיחזי? מפני שקרא לרבו בשמו.
(סנהדרין ק', עא'.)

שלשה שהיו מהלכין בדרך, הרב באמצע. (עירובין נ"ד, עב'.)

תלמיד הנפטר מרבו, מצדד פניו והולך. (יומא נ"ג, עא'.)

אל יתפלל אדם לא כנגד רבו ולא אחורי רבו. (ברכות כ"ז, עא'.)

ולא הבישן למד. (אבות פ' ב')

# פרק ג׳

עד שית לא תקביל. (ב״ב כא׳, עא׳.)

כי מחית לינוקא, לא תמחי אלא בערקתא דמסנא. (שם)

רב איקלע להההוא אתרא, גזר תעניתא ולא אתא מיטרא. (תענית כ״ד, עא׳.)

רבה, מקמי דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא. (פסחים קי״ז עא׳).

אשר תשים לפניהם—ערכם לפניהם כשלחן ערוך. (עירובין נ״ד, עב׳.)

ושננתם—שיהיו דברי תורה מחודדים וכו׳ (קדושין ל׳׳, עא׳.)

אין קורין לתינוקות בשבת מתחלה. (שע׳׳ יוד׳, הלכות ת״ת רמ״ה)

מרטהי בגמרא, והדר מעייני בסברא (סוכה כ״ט עא׳.)

אי דייקינן כולי האי, לא הוה תנינן. (עירובין מ״ח,עא׳.)

לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה. (פסחים ג׳ עב׳)

הד גרים ולא דייק, וחד דייק ולא גרים. (ב״ב כא׳, עא׳.)

שבשתא כיון דעל על. (שם)

רב אחא אדריה למקרי דרדקי דהוה פשע בינוקא (גיטין ל״ו עא׳)

כשאתה מלמד את בנך, למדהו בספר מוגה. (פסחים קי״ב, עא׳)

ראייה מביאה לידי זכירה. (מנחות מ״ג עב׳.)

הלומד מתוך הספר לא במהרה משכח למודו. (ירושלמי ברכות, פ״ה, הא׳.)

תלמיד אחד היה לרבי אליעזר שהיה שונה בלחש, לאחר שלש שנים שכח תלמודו. (עירובין נ״ד, עא׳.)

כל הקורא בלא נעימה, ושונה בלא זמרה, עליו הכתוב אומר: וגם אני נתתי להם חקים לא טובים. (מגילה ל״ב עא׳.)

כל המשנה מנגון לנגון, הרי זה נחשב כעובר על השגת גבול אשר גבלו ראשונים. (ספר חסידים סימן ש״ב.)

אין התורה נקנית אלא בסמנין. (עירובין נ״ד, עב׳.)

בני יהודה ובני גליל. (שם נ״ג, עא׳.)

זרוק מרה בתלמידים. (כתובות ק״ג, עב׳.)

תינוק, תהא שמאל דוחה, וימין מקרבת. (סוטה מ״ז עא׳.)

עד שילמדנו. (עירובין נ״ד, עא׳.)

אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים, לשונה פרקו מאה ואחד. (חגיגה ט׳׳ עא׳.)

ר׳ פרידא הוה ליה ההוא תלמידא דהוה תני ליה ד׳ מאה זימני, וגמר. (עירובין נ״ד, עב׳.)

רבי חייא עבד לתורה דלא תשתכח מישראל. (בבא מציעא פ״ה, עב׳)

רב אשכחיה לרב שמואל בר׳ שילת דהוה קאי בגינתא. (ב״ב ח׳ עב׳.)

כנסיות ובבתי מדרשות אין רידים ידי עשו שולטות בו.
(שם אות ב'.)

אחז בטל את העבודה והתם התורה — והתיר את הערוה.
(סנהדרין ק"ג, עב'.)

ויהי בימי אחז — אמר: אם אין גדיים אין תישים, אם אין תישים אין צאן, אם אין צאן אין רועה; לומר: אם אין קטנים אין תלמידים. אם אין תלמידים אין חכמים, אם אין חכמים אין זקנים, אם אין זקנים אין נביאים וכו'. מה עשה? עמד ונעל בתי כנסיות ובתי מדרשות.
(ירושלמי סנהדרין, פי': הל"ב; ויקרא רבה פי"א.)

יומא חדא רכבינהו אכתפיה לאמטויינהו לבי—מדרשא.
(ברכות יו"ד, בעי'.)

הזקיהו נעץ חרב על פתח בית המדרש ואמר: מי שאינו עוסק בתורה ידקר.
(סנהדרין צ"ד, עא'.)

והעמידו תלמידים הרבה. (אבות א", א".)

בתחלה מי שיש לו אב מלמדו תורה, ומי שאין לו אב לא היה למד תורה.
(ב"ב כ"א עא')

כל המלמד את בן חבירו תורה, זוכה ויושב בישיבה של מעלה: כל המלמד את בן עם־הארץ תורה, אפילו הקדוש ברוך הוא גוזר גזירה, מבטלה בשבילו.
(בבא מציעא פ"ה עא'.)

עד שבא יהושע בן גמלא ותיקן, שיהיו מושיבין מלמדי תינוקות בכל מדינה ומדינה ובכל עיר ועיר, ומכניסין אותו כבן שש כבן שבע.
(בבא בתרא כא' עא„)

מה אני בחינם אף אתה בחינם. (נדרים ל"ז עא')

ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו, שאלמלא הוא, נשתכחה תורה מישראל.
(בבא בתרא, כא', עא'.)

אמר רב קטינא: כל המכנים את בני פחות מבן שש, רץ אחריו ואינו מגיעו
(כתובות נ' עא„)

עבידנא, דלא תשתכח תורה מישראל, היינו דאמר רבי: כמה גדולים מעשי חייא.
(שם ק"ג, עב'.)

כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחריבין אותה, רבינא אמר: מחרימין אותה.
(שבת קי"ט, עב'.)

אסור לדור בעיר שאין שם מלמד תינוקות. (סנהדרין י"ז, עב'.)

ארבע מאות בתי כנסיות היו בכרך ביתר. (גיטין נח', עא'.)

בן חמש שנים למקרא. (אבות מה'.)

סף מקרי דרדקי. כה' ינוקי. (ב"ב כא', עא'.)

עשו מועדים לתורה. (עירובין נר', עב'.)

גזר רבי. שלא ישנו לתלמידים בשוק (מועק' טז' עא')

האב חייב בבנו וכו'. ויא' אף להשיטו במים. (קדושין כט', עא'.)

תלמוד תורה כנגד כולם. (פיאה פא'.)

אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן. (שבת קי"ט)

הערבים בעד התורה במעמד הר סיני. (שה"ש רבה, מדרש ש"ח)

המדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה, עליו הכתוב אומר, וידעת כי שלום אהלך. (יבמות סב', עב')

אל תקרא בניך אלא בוניך. (סוף ברכות ס"ד)

רבה בר רב הונא לא סעד וכו'. (קדושין ל' עא')

רבי חייא בר אבא ור' יהושע בן לוי. (שם)

חייב אדם ללמוד את בתו תורה. (סוטה כ', עא')

אנשים באים ללמוד, נשים באין לשמוע, טף למה באין? כדי ליתן שכר למביאיהן. (חגיגה ג', עב')

נטורי — קרתא סנטורי קרתא ומחריבי קרתא. (ירושלמי סנהדרין פ"י הל"ב ויקרא רבה פיא)

לא חרבה ירושלים, אלא בשביל שבטלו בה תינוקות של בית רבן. (שבת קי"ט)

כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ מהוצאת בניו לתלמוד תורה. (ביצה ט"ז, עא')

# פרק ב'

חזקיה וסיעתו כתבו ישעיה משלי שיר—השירים וקהלת. (ב"ב, י"ד—טו'.)

בדקו ולא מצאו תינוק ותינוקות שלא היו בקיאין וכו' (סנהדרין צ"ד עב'.)

אמר ר' נחמן בר אבה: היתה פנינה משכמת ואומרת לה חנה, אין את עומדת ורחצת פניהם של בניך, כדי שילכו לבית הספר; ובשש שעות היתה אומרת לה: חנה, אין את עומדת ומקבלת בניך שבאו מבית הספר (פסיקתא.)

תינוקות שהיו בימי שאול ושמואל הי דורשין את התורה מט' פנים וכו'. (מדרש תהילים ז', ו'.)

בית המדרש של שם ועבר. (ב"ר פסג', אות ז', רש"י בראשית כ"ה)

"שני אלהים" — בית מדרשו של שם ובית מדרשו של עבר. (שם אות יוד')

תניא: היה יעקב בבית עבר מוטמן ארבע עשרה שנה (מגילה י"ז, עא'.)

אמר ר' אלעזר: לא עמדו פילוסופין, לאומות העולם כבלעם וכאבנימוס הגרדי וכו'. (בר' פ' ס"ה, אי'כר)

הקול, קול יעקב, והידים ידי עשו! בזמן שקולו של יעקב נשמע בבתי

# מפתח.

דיא פערשיעדענע מאמרי חז"ל וועלכע ווערען געבראכט אין דיא .בּיט לאך פון דיעזען ספר.

# איינלייטונג.

לא מאסתים (ויקרא כו' מד') —וכי מה נשתיר להם לישראל שלא נמאסו? ודלא כל מתנות טובות שנתנו להם נטלה מהם, מה נשתיר להם —זה ספר־תורה שאם לא היה קים לישראל לא היו משנים מאומות—העולם כלום.
(תורת כהנים)

ושננתם לבניך—אלו תלמידיך.
(ספרי דברים ו', ז')

דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה, והקרן קימת לו לעולם הבא.—זה המגדל בניו לתלמוד תורה.
(שבת קכ"ז עא')

הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד—זה הלומד תורה ומלמדה.
(כתובות נ'. עא')

כל המלמד בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.
(סנהדרין יט', עב')

רבי מאיר אומר: הלומד תורה ואינה מלמדה—זה הוא דבר ה" בזה.
(שם צט' עא'.)

כל המלמד לבנו תורה, מעלה עליו הכתוב כאלו קבלה מהר חורב.
(ברכות כא' עב')

אל תגעו במשיחי—אלו תינוקות של בית רבן. (שבת קי"ט עא')
מניח אני כל אומנות שבעולם, ואיני מלמד את בני אלא תורה.
(קדושין פ"ב עא', מאמר ר' נהוראי.)

איזהו עם הארץ? כל שיש לו בנים ואינו מגדלם לתלמוד תורה.
(ברכות מ"ז, עב')

## פרק א'

קטן היודע לדבר, אביו לומדו תורה. (סוכה מב', עא'; ילקוט קרושים.)
כשהתינוק מתחיל לדבר אביו מדבר עמו לשון הקדש, ומלמדו תורה.
(ספרי עקב; ילקוט תורה תתע"א.)

נשים במאי זכיין?—באקרויי בנייהו לבי כנישתא. (ברכות י"ז עא')
החזן רואה דרבן התינוקות קוראין (משנה, שבת יא', עא')

# :אינהאלטס :
# פערצייכניס.

א׳ תכן הספר ומטרתו.

ב׳ דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ.

ג׳ איינלייטונג.

ד׳ קינדער ערציהונג בייא אידען.

ה׳ אידישע קינדער שוהלען.

ו׳ דיא לעהר־מעטהאדען אין דיא אמאליגע שוהלען.

ז׳ דער ערשטער לעהרער.

ה׳ דיא מעטהאדע פון לערנען.

ט׳ אידישע קינדער שוהלען אין מיטעל־אלטער און זייערע מעטהאדען.

י׳ חקי התורה.

יא׳ גן הילדים.—אדער דער לעהרער און דער גערטנער.

יב׳ היסטארישע ביישפיעלע פון פארצייטיגע חדר־אינגלאך.

יג׳ דיא איבערגעבענהייט פון פארצייטיגע עלטערן צו דיא ערציהונג פון זייערע קינדער.

יד׳ שלום־ווארט.

ולכן, במה יצדקו האבות בהתאוננם על בניהם? הלא כך חנכו אותם? במעט עמל, במעט התבוננות ובהנהגה ישרה בבית מן האב ומן האם, היו יכולים לעשות גם פה, את בניהם לעברים נאמנים לעמם ולדתם, וליהודים היתה אורה. האבות בעצמם אשמים בכל זה, ואך לכסות עינים יאשימו את הארץ בתשובות הפורחות באויר ועושים מהמסובב סבה. הם שוכחים בעצמם שלכן הדור הצעיר פרוע לשמצה, יען כי לא חנכו אותם כראוי. אי לזאת אמרתי. עת לעשות לה' לקבץ מאמרי הז"ל המדברים אודות החנוך וכבוד התורה להעתיקם ולתתם לפני העם, אולי יראה בעיניו, ושב ורפא לו.

ואם רק אחד ממאה, אחרי קראו את ספרי זה, ישוב מכסלו, וישים לבו ונפשו לחנוך בניו, להדריכם ולנהלם על דרך העולה בית אל, והיה זה שכרי. כי בגשתי אל המלאכה, לחבר ספרי זה, לא שמתי פני אל הריוח אשר יביא בכנפיו. הזולתי כסף רב מכיסי, מי יודע אם ישובו למקומם, ומי כמוני יודע שבר המחברים בימינו בישראל. גם לפרסם שמי לא כונתי, כי אז, הדפסתיו בלשון הקדש, כמו שהיא אתי בכתובים, בשפה אשר בה כל חיי רוחי ונפשי; אבל חדלתי מעשות זאת, הדפסתיו בזרגון, בלשון המדוברת בין העם. למען יקרא בו ההמון ויקח מוסר. מזה הלוא תראו ותוכחו כי לא קנאת המחברים, ולא חפץ הסופרים המריצוני לחבר ספרי זה, כי אם למען הביא תועלת רב להעם בכלל, לחלקו ביעקב ולהפיצו בישראל למען השיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם.

המחבר

גופם ותוכם. ואין מי שם על לב, אין מהם חולה על טהרת רוחם וחנוכם הדתי, וכנסת ישראל מנהמת כיונה, ואומרת: אוי לבנים שגלו מעל שלחן אביהם, בני יצאוני ואינם, נוטרים כרמי זרים, וכרם שלי לא ינטרו. כל אב ידיו על חלציו וכל אם הריד בשיחה על פרי בטנה, המתנכרים אליהם, ועמנו יורד מטה מטה.

הדור הצעיר של עמנו מתרחק מיזתנו, רומס ודורס ברגליו כל קדשי ישראל. התורה הקדושה, שבה הארכנו ימים על האדמה, למשחק להם. אמונתנו שהיא לאור עולם—יצאה מהם וידיה על ראשה. וכל אב מאשים בזה רק את הארץ הזאת, אוירא דאמעריקא מרשיע, כאלו הארץ גולה ממנו את יוצאי חלציו, כאלו הדבר הזה אין לו סבה אחרת הגורמת לזה.

אשמים בזה האבות וביותר האמהות כי האבות האלה, המתאוננים רע על בניהם, גם הם יקלו ראש בכל קדשי ישראל, ולקח תורת ישראל אינם מוצאים לנחוץ לבניהם; יחשבו למותר ליגע את מוחות בניהם ובנותיהם בתורת ה' אחרי למדם אנגלית בבית־הספר הלאמי כל היום. הם עשו את התפל עיקר, ואת העיקר לתפל ואלה אשר רגש הדתי עוד לא כבה בלבם, יעמידו מורים ללמד את בניהם בבית, ורובם מוסרים את בניהם בידי מורים אשר אינם מוכשרים להורות ואינם ראוים לאותה אצטלא, לא קרו ולא שנו, ורק מחסרון עבודה או סבה אחרת היו למלמדים, מורים כאלה אינם מסוגלים לפעול על לב הילד ועל התפתחותו. *)

אי לזאת אין להתפלא כי באין מורה דרך נכון, בלי יסוד מוסרי נאמן ובאפס כל נטיה נעלה נטועה בלבם מאת הורים ומורים, יתעו הבנים בתהו לא דרך. והאמהות! במקל הצניעות לפנים בישראל, גם הן נותנות חמר רב לבניהן לנטותם מדרך הישר. מראות את כל חכמתן היתרה, בזה, שהן לועגות מכל דבר הנושא עליו חותם התורה. מדברות בבתיהן דברים אשר לא ישמעו על אזן ילד. ומחללות את השבת בפניהם. הדלקת נר של שבת וכל דבר הנושא חותם התורה זר להן. ציצית, מזוזה ותפילין, שמות כאלה לא יזכרו, כי לא יראו ולא ימצאו בבית. לפנים בישראל היתה האם סמל כל מדה נכונה, האבות השפיעו על בניהם יותר מכל המורים המומחים; הם הראו לבניהם בהנהגתם בעצמם את יקר חסן תפארת קדשי ישראל. אבל מה אנו רואים כעת? האבות בעצמם יעבירו את בניהם למלך או זובחים אותם לעגל הזהב, והבנים מה כי תלינו עליהם?

„אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו". האמת הגדולה והנצחית, הבולטת בפתגם הזה, תתאמת ביתר שאת וביתר עז „בחנוך" אם החנוך לא יוסד על מוסדי הדת הטהורה, ואם רוח ה' לא תפעם בו מראשיתו ועד סופו, אז כל עמל המחנכים והמורים לא יועיל ולא יצלח ועכ"פ אי אפשר לגמרי לחנך את הבנים לחיות יהודים נאמנים לעמם ולדתם. אין דבר בעולם ואין אמצעי בכל הספרות החנוכית, אשר יוכל למלא מקום הדת בחנוך, ומה גם לעשותו למותר, כי בלי דעת ה' ותורתו אין יסוד ראשי לתורת המוסר.

---

*) אמנם, לא אלמן ישראל ישנם בינינו מורים מהוגנים, מומחים לאותו דבר והיודעים אומנותם, ולא לאלה כונתי.

נשרשה בלבם עמק עמק, עד אשר היו כסלעי מצוק בעד תורתם ואמונתם, ובעוד אשר עריצי גוים ההם, ועמים רבים גדולים ועצומים, מרגיזי ארצות, כפו תמו מן בלהות, ושם ושארית אבד לרב, עם ישראל בכל זה חי וקים ברוחו הלאומי, וכסלע מוצק עומד באיתן, לנגד תמורות העתים הסערות שעברו על ראשו, ומי שמר את התורה לבלתי תפוג לעם ישראל מכליון? הם האבות אשר מסרו את נפשם בעד בניהם לגדלם על התורה ועל העבודה,—היינו ללמוד ולקים המצוות המעשיות. בנים עם אבות כאלה יקראו גנים, ובצדק אמרו: אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל פיהם של תינוקות של בית רבן. כי הם, הבנים המחונכים לפי רוח הדת, המה ה„נטורי־קרתא”, השומרים את עם ישראל מכליון חרוץ, ובזמן שקולו של בני יעקב נשמעים מבית הספר אין הידים ידי עשו שולטות בו. התורה והחנוך. הם, הם סבת נצחיותינו, הם נח החיוני אשר יחיה את לאומנו זה שנות אלפים, למרות התאמצות צוררינו להכחיד את קיומנו.

אבותינו היו בחנוך בניהם אידעאליסטים שלמים, אשר אין למעלה מהם. ואם על פי הרוב היו בחייו אנשי מסחר ואנשי מעשי ר"ל פרקטיקים גמורים, אנשים שידעו פרק בהויות העולם, ותתרו בכל עז לעסוק ולהרויח; בכל זאת בנוגע לחנוך בניהם היו אידיאליסטים שלמים מאין כמוהם. כל אטרת החנוך היתה בעיניהם „לגדל בניהם לתורה ולחופה ולמעשים טובים”. זאת היתה כל מגמת לבם. וגם הברכה השגורה בפיהם, אשר ברך איש את אחיו, ומעולם לא עלה על לבם לברך את בניהם שיהיו לסוחרים גדולים ועשירים אדירים, בפבריקנטים או בפקידים מפורסמים. אבל מגמת פנהם היתה רק שיהיו יהודים אמתים, יראי ה' וחושבי שמו באמת, ומופלגי תורה גדולים ובקיאים.

אנכי אינני מאלה המתימרים רק בעבר ואומרים „קדוש וטהור” לכל ישן נושן. אבל לא אכחד ואמר שאבותינו היו הדקגוגים היותר מצוינים. ביתם היה הבית הספר היותר טוב לבניהם. את חנוכם יסדו על מוסדי הדת הטהורה, יראת ה' ואהבת הורים ומורים כמצות עלינו. הם הרגישו בנפשם, שמבלעדי הדת, אין עצה ואין אמצעי לחנך את בניהם, להיות לאנשים ישרים ולעברים אמתים. ולא היה הדבר הזה מוטל אצלם בספק כלל וכלל, וגם השבו למותר לחקור אחריו, וביחוד, אחרי אשר מקרא מלא הוא: „ראשית חכמה יראת ה'”. צעירי בני ישראל, בהיותם מגדלים ומחנכים על ברכי הדת, ולמדים מנוער לקים המצות המעשיות היו ע"י זאת אחוזים ודבוקים בעמם ובית מולדתם ואוהבים אותם בכל לבם ומאדם, אהבה בלי מצרים כאהבת עצמם. ומה גדלה אהבתם לאבותיהם! ומה חזקה עליהם מצות כבוד אב, ואיך ידעו להתנהג עמהם בחן וברצון להוקיר ולכבד כל משאלות לבם! — הלא אנחנו כלנו יודעים ועדים, כי הנה התניכים האלה לא רחוקים המה מאתנו לא במקום ולא בזמן, כי אם עודם הם לנגד עינינו בכל אשר נפנה. ומה אנחנו רואים בעת? לדאבון לבנו ירד החנוך עשר מעלות אחורנית, ובפרט פה בארץ החפש הלזו ארצה קולומביה, עמא־ריקה. כי בעולם העשיה הזה כל אחד לבצעו יפנה, דואג בעד בניו להלעיטם וללבשם בגדי עשו החמודות, ידאג בעד עתידות

# תכן הספר ומטרתו.

---

יתענגו האבות וישמחו המורים במנחתי זו, מנחת עני אשר אנכי מביא לפניכם, אשר ביגיעתי הרבה בשעות המנוחה אשר לי אחרי עבודתי הקשה, שמתי לילות כימים וחפשתי בספרים.

ש״ס בבלי וירושלמי, מדרשים ספרא וספרי, ותוספתות, מכלתא ועוד כמה ספרים ועתונים שונים, ומשם הוצאתי פנינים יקרים, אבני נזר, מאמרים המדברים אודות החנוך בישראל. כהדבורה הזאת המלקטת מתיקות הפרחים המתוקים ועושה מהן דונג ודבש, כן לקטתי ואספתי מכל אשר מצאה ידי, סדרתי וחלקתי אותם לפרקים, דבר דבר על אפניו, ועשיתי מהם נפת צופים, מטעמים כאשר אהבה נפש ישראל.

הספר ,,דרכי החנוך בישראל״ אשר אני נותן לפניכם יחיד ומצוין הוא במינו, אוצר נחמד, הנושא את האספקלריה המאירה מהחנוך שלנו בכל הזמנים הישנים, וגם בא רק ללמד, כי אם לעורר את האבות לחנך את בניהם בדת היהדות, ומטרתו — לחבב על האבות את קדשי עמם וסגלותיו, להיות מעשיהם של אבותינו סימן להם, ולהפיח גם כן בלב בניהם את רוח היהדות, למען יהיו לבבם ונפשם קשורים לעמם בחבלי אהבת כל הימים, וכדי להשיג את המטרה הזאת, השתדלתי להביא את המאמרים המדברים אודות, אהבת התורה ומלמדיה, וביחוד, אודות החנוך בישראל בכל הדר גאונו ותפארתו. למען יהיו למופת טוב להאבות והבנים גם יחד.

החנוך! הוא האבן הפנה לכל עם ועם, ואף לבני ישראל, המוכרחים תמיד לקדם פני אויביהם בלב טהור ורוח נכון, והוא סוד הכח קיומי הנצחי של עם ישראל, אשר לא נס לחו וכחו חדש עמו, אף כי זה אלפים שנה אשר נתש מעל אדמתו, בחמת עריצי גוים, אשר שפכו דמו כמים, ונתנוהו לבז ולמשסה בימי החשך ימי הביניים. ובעת אשר להם בעד נפשו, בעת אשר מסביב שואפי נפשו מנוחה הדריכוהו. גם אז רוחו ונפשו נתונים לשמור, לעשות ולקים את הכתוב בתורתו. להשקות צאן מרעיתו ממקור תורתו הקדושה. ולחנך את בניו על מבוע התורה והדת, להוריש להם את אוצרו הטוב, אוצר התורה והיראה אשר רכש לו במשך ימי חייו, האב והאם, שניהם יחד היו המורים היותר טובים לבניהם. האמונה

LA47
L7
1910



רעוו. משה אלימלך לעווין

# קינדער ערציהונג

## ביי אידען

### א היסטאָרישע נאַכפאָרשונג

א זאמלונג פון פערשידענע בריליאנטענע מאמרים, תלמוד בבלי, ירושלמי, מדרש רבה מדרש תנחומא, ילקוט און נאך פערשיעדענע ספרים און אנדערע אידי־שע דאקומענטען וועגען קינדער ערציהונג בייא אידען.

געזאמעלט פון


## רעוו. משה אלימלך לעווין

איש נעמי

פרינציפאל פון

## מאָנטרעאלער תלמוד תורה.

NLC BNC
3 3286 07601167 1

# קינדער ערציהונג ביי אידען

א היסטארישע נאכפארשונג

פון

רעוו. משה אלימלך לעווין

— איש נעמי —

פרינציפאל פון מאנטרעאלער תלמוד תורה.

— נאכדרוק שטרענג פערבאטען. —

דרוק פון „קענעדער אדלער"
מאנטרעאל.

2